דרייצעהנטער יאהרגאנג
№ 21
Należytość pocztowa opłacona ryczałtem.
פרייז 20 גראשען. „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

אנאנסן-פרייז פאר א מילימעטער-שורה: [illegible]

ערשיינט יעדן פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

אבאנעמענט-פרייז: [illegible] נומער 20 גראשען.
[illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

Piątek d. 25 maja 1934 | 7 21 ליכט-צינדען | פרייטאג פ׳ נשא י״א סיון תרצ״ד.

10 — 10

זונטאג, ד. 27 מאי שטימען אלע מענער און פרויען אויף די קאנדידאטען-ליסטעס פון

אלגעמיין = יודישען וואהל = קאמיטעט

אויף וועלכע עס פיגורירען די בעסטע און טיכטיגסטע פערטיידיגער פון די יודישע אינטערעסען.

אונזערע הויפט-קאנדידאטען: **יעקב ראזענבערג, יוסף גאלדבערג, יצחק מאיר קרעל, ד״ר סטעפאן קאן, ד״ר היפאליט גייזלער, ש. ניעמיראווסקי, אינזש. א. ארלינסקי, ד״ר שלייכער, ווילהעלם זשעריקער, אליעזר ראזענבוים, אדוו. אש, אדוו. קאנארסקי א. א.**

קומט מאסענווייז שבת אויף די מיטינגען פון אונזער וואהל = קאמיטעט!

לידידי אהרן קונגרצקי ורעיתו ברכות מאליפות
לרגלי נשואי בתם **אסתר** את בחיר-לבה **שמעון פיק**
בתל-אביב.
נחום דזיאלושינסקי ורעיתו.

WPISY i ZGŁOSZENIA
do GIMNAZJUM i SZKOŁY POWSZECHNEJ
TOW ŻYD SZKÓŁ ŚREDNICH i POWSZECHNYCH
w Częstochowie, Dąbrowskiego 7, Tel. 11-58
przyjmują kierownictwa codziennie od 9—1.

Egzamin wstępny do klasy I gimnazjum nowego typu rozpocznie się w piątek, dnia 15 czerwca, egzamina do innych klas szkoły powszechnej i gimnazjum rozpoczną się w niedzielę, dnia 17 czerwca.

ANTONI EGER, ALEJA № 14.
די גליקליכע געווינער, וועלכע האבען געקויפט זייערע לאסען
ביים סובקאלעקטאר
לייזער ברוין, פרזעמיסלאווא 9
דערצעהלען זייערע שכנים און בעקאנטע וועגען זייער גליק, געווינענדיג גרעסערע סומעס. איילט אייך דעריבער צו און קויפט שוין אויס די לאסען צו דער 1-טער קלאס פון דער 30 מלוכה-לאטעריע.

בעמערקונג: אויף׳ן נומער 148.996 איז געפאלען 5.000 זל., אויף׳ן נומער 53.075 איז 2.500 זל., אויף׳ן נומער 127.309 איז געפאלען 500 זל. און אנדערע גרעסערע געווינסען.

אונזער חשוב׳ן פרעזעס **ד״ר. ה. לייזעראוויטש**
צום טויט פון זיין ליעבען פאטער
דוד נ״ע
דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
די פערוואלטונג פון דער יודישער געזעלשאפט
פאר לאנדקענטשאפט אין טשענסטאכאוו.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער פערוואלטונגס-מיטגליעד חבר
הירשל לייזעראוויטש צוליעב׳ן טויט פון זיין פאטער
דוד נ״ע
און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט
„קולטור-ליגע"
אין טשענסטאכאוו.

P. Henrykowi Lejzerowiczowi i Rodzinie
z powodu zgonu Ich Ojca
b. p. DAWIDA
wyrazy szczerego współczucia składa
Personel Bibljoteki przy Stow. „Kultur-Liga"
w Częstochowie.

לחברנו **צבי ברש** אנו מביעים את רגשי צערנו לרגלי מות עליו
אמו נ״ע
בעבודת התחיה הלאומית תמצא נחומים!
משה שטילר, אברהם אופמן, שלמה פיגנבוים, יעקב ברמן.

אין דער גליקליכסטער קאלעקטור
פון **י. וועקסלער**
אלעע 6 №
וואו עס איז לעצטענט געפאלען
1,000000
איז שוין צו בעקומען
לאסען צו דער 1-טער קלאס
פון דער 30-טער מלוכה-לאטעריע
J. WEKSLER, ALEJA 6.
Telefon 11-55.

Włóczki—Wełny
„Trójkąt w kole"
w 40 gatunkach, 1763 kolorach.
Pokaz ściegów, fachowe porady
CZĘSTOCHOWA, Aleja 20
Ceny fabryczne.

זונטאג, פ׳ בהעלותך, דעם 27 מאי 1934 י.,
צו דער ערשטער יאהרצייט פון אונזער פערשטארבענעם מיטגליד
נ״ע יוסף בעהם
וועט פארקומען אויפ׳ן בית-עולם 9 א זייגער פריה א הזכרה, אויף וועלכער עס לאדענט איין די מיטגלידער
די פערוואלטונג
פון דער געז. פאר געגענזייטיגער הילף
„אחיעזר".

בעמערקונג: דער אויטא וועט אבגעהן 10 מינוט פאר 9 א זייגער פון פאר דעם לאקאל אלעע 20

פארבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
בערעק יאסעלעוויטש 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)
אונטער דער לייטונג פון אן׳אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטרי-שולע אין ווארשא
100 פראצ. גאראנטיע פאר גוטער אויספיהרונג.

א זיכערע פרנסה
מיט א קליינע סומע קען מען ביי מיר געלעגענהייטליך בעקומען א פולקאם איינגעארדענטע גארן-פאבריק צו וויקלען אלערליי סארטען גארן.
ערקונדיגען ביי: ח. נוטקעוויטש, טארגאווא 8 №

Mieszkanie letnisko pod lasem
pokój z kuchnią, lub pokój, przy samotnej pani. Nie drogo Wiadomość u właścicielki Janów Złoty-Potok Żurawska 9.

דאנקזאגונג.
א הארציגען דאנק דריקען מיר אויס דעם חשוב׳ן
ד״ר ה. גייסלער און פעלדשער ס. מיטלער
פאר זייער גוטע מעדיצינישע בעהאנדלונג פון אונזער זוהן א דאנק וועלכער ער איז פולשטענדיג געזונט געווארען. זאל זיי גאט געבען הצלחה אין זייער ווייטערדיגער פראקטיק.
שמואל לאפידות און פרוי
טארגאווא 25.

Potrzebna SKLEPOWA
do obuwia
„GWIAZDA" Narutowicza 5.

טיעף געריהרט צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער ליעבען אונפערגעסליכען חבר
מענדיל סעצעמסקי נ״ע
וועלכער איז פון אונז אוועקגעריסען געווארען אין בליהענדען עלטער פון 22 יאהר, דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דער טרויערענדער פאמיליע.
יחזקאל ליפשיץ, ברוך ליפשיץ, ראכעל אייזענשטיין, דוד לייב ראזענצווייג.

RODZINIE SECEMSKICH
z powodu przedwczesnego zgonu
Ich syna
b. p. MOŃKA
wyrażają szczere współczucie
Koleżanki i Koledzy.

דוד לייזעראוויטש נ״ע
איז געשטארבען נאך לאנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 69 יאהר.
די לויה איז פארגעקומען דינסטאג, דעם 22 מאי 1934 (ח׳ סיון תרצ״ד).
גלייכצייטיג דריקען מיר אויס א דאנק די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אבגעגעבען אונזער טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
פאמיליע.

מען זוכט די שולדיגע.

טראָץ די אַלע פּערהאַנדלונגען און אונטערהאַנדלונגען, פּערטראַקטאַציעס און אויסגלייכונגען, געהן צו די וואַהלען 2 יודישע בירגערליכע ליסטעס.

עס האט זיך געקאָנט אויסדאַכטען, אַז די אונטערהאַנדלונגען וועלען דאָך דערפיהרען צו אַ שלום, ווארום נישט איינמאָל האט פּאַסירט, אַז ס'איז דערגרייכט געוואָרען אַנ'אויסגלייך, אַז מען האט זיך שוין אָבגעגעבען א מזל-טוב. באַלד אָבער איז אַדורך אַ שוואַרצע קאָץ און פון שלום איז געוואָרען מלחמה.

שוין אין דער לעצטער מינוט ביים אריינגעבען די ליסטעס, איז געקומען צו א פערשטענדיגונג און ס'איז גלייכצייטיג אַריינגעגעבען געוואָרען חוץ די בעזונדערע אויך אַנ'איינהייטליכע ליסטע. אָבער ווידער איז אַלץ קאַליע געוואָרען, דאַן האבען זיך אָנגעהויבען אונטערהאַנדלונגען וועגען אַ פערשטענדינונג אין די בעזונדערע וואַהל-קרייזען, אַז איין צד זאָל אַרויסציהען פון עטליכע וואַהל-קרייזען זיינע ליסטעס און דערפאַר זאָל דער צווייטער צד צוריקציהען זיינע ליסטעס פון די אַנדערע קרייזען. די דאָזיגע אונטערהאַנדלונגען האבען לכתחילה אָנגענומען אַנ'ערנסטען כאַראַקטער. סוף כל סוף איז פון דעם אַלעם ווידער גאָרנישט געוואָרען און דאס געהן צו די וואַהלען מיט בעזונדערע ליסטעס איז אַ געשעהענער פאַקט.

איצט זוכט מען די שולדיגע. איין צד וואַרפט געוועהנליך אַרויף די שולד אויפ'ן צווייטען, אַז זיי זענען ווי אונשולדיגע לעמעלעך, נאָר יענע זענען פערדעטער, צוברעכער פון יודישען אחדות.

דערביי דערלויבען זיך פערשידענע קאָך-לעפעל אויף העסליכע רכילות, ווי צ. ב., אַז דער און דער האט נאָך פון פריהער געזאָלט זאָגען, אַז ער בעשטעהט נישט אויף קיין פעראייניגונג. אַנ'אַנדערער ווידער זאָל, בעת מען האט איהם דערצעהלט וועגען דער פעראייניגונג, האבען געוויזען אַ פייג און נאָך אַזעלכע נאַרישע פּליאַטקעס, און דאס האט כלומר'שט געזאָלט זיין די סיבה, וואס דער פעראייניגטער בלאָק איז נישט צושטאַנד געקומען. דאס בעווייזט, אַז די דאָזיגע העררן, וועלכע זענען פאַקטיש שולדיג אין דער צושפּליטערונג פון דער יודישער איינינקייט, ווילען מיט אַזעלכע לעכערליכע מאָטיווען פון זיך אַראָבוואַרפען די שולד.

פאַקטיש אָבער מוז מען זוכען די סיבה אביסעל טיפער, און לויט אונזער מיינונג איז עס אַזוי:

ביז מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האבען אַ געוויסע צאָהל כלל-טהוער געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף אַלע געזעלשאַפטליכע אמטען. אויב ס'האָט זיך עמיצער אַמאָל רעוואָלטירט, זענען עס געווען די האַנדווערקער, וועלכע האבען נישט געקאָנט צוליעב זייערע ספּעציפישע אינטערעסען מסכים זיין אויף דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון די דאָזיגע כלל-טהוער, האט טאַקי געטראָפען אַ פּאַל, אַז די האַנדווערקער-מאַסען זענען, טראָץ דעם, וואס עס איז געווען אַנ'איינהייטליכער פראָנט, פּאָרט געגאַנגען בעזונדער. לעצטענס אָבער זענען אויפגעשטאַנען פרישע מענשען, נייע געזעלשאַפטליכע כוחות, וועלכע קאָנען בשום אופן נישט מסכים זיין מיט דער פּאָליטיק און ליניע פון די אַלטע פּאָליטיקאַנער און זיי ווילען געהן זייער וועג.

דאס קאָנען אבער די אַלטע כלל-טהוער בשום אופן נישט אראָבשלינגען. קומט דעריבער פאָר אַ קאַמף אויף לעבען און טויט וועגען דער העגעמאָניע, וועלכע די אַלטע ווילען נישט אַרויסלאָזען פון דער האַנד.

דאָ ליגט דער סוד, וואס טראָץ אַלע בעמיהונגען צו שאַפען דעם איינהייטליכען בלאָק איז אַלץ אין דער לעצטער מינוט קאַליע געוואָרען.

עס קומט פאָר אַ גראַנגעל פון די אַלטע מיט די פרישע נייע כחות און דאָ ליגט די סיבה, דאָ דאַרף מען זוכען די שולדיגע און נישט ווי עס בעמיהען זיך צו וואַרפען שקרים און רכילות די פּאַרטיי-קאָכלעפיל אויף די פערשידענע פּערזאַמלונגען, מיטינגען און וואַהל-אויפרופען.

אַז מען האט אָבער נישט, וואס אַליין צו זאָגען, אַז מען האט נישט דעם מוט זיך אַליין צו אָנערקענען פאַר שולדיג, זוכט מען ביי יענעם, וואַרפט מען אַרויף די שולד אויף אַנדערע.

ש.

די וואַהל-קאַמפּאַניע צום שטאָדט-ראַט.

אין דער יודישער גאַס.

די וואַהל-קאַמפּאַניע אין דער יודישער גאַס האט זיך אָנגעהויבען ערב שבועות און ריכטיגער געזאָגט, ערשט נאָך שבועות, ווייל אַזוי לאַנג האבען זיך געשלעפּט די פערשידענע אונטערהאַנדלונגען צווישען די צוויי ענטשטאַנענע בירגערליכע וואַהל - קאָמיטעטען וועגען שאַפען אַנ'איינהייטליכען יודישען פראָנט צו די שטאָדט-ראַט-וואַהלען.

ליידער איז פון דער פעראייניגונג גאָרנישט געוואָרען צוליעב די אינטריגעס פון געוויסע פּאָליטיקאַנער און דאס טשענסטאָכאָווער יודענטום געהט צו די וואַהלען אין 2 מחנות.

די ערשטע, דער אַלגעמיין-יודישער וואַהל-קאָמיטעט גרופּירט אַרום זיך: די האַנדווערקער, קליינהענדלער (יאַסעלעוויטשאַ 9), רעוויזיאָניסטען, גראַסמאַניסטען, ג. פראָנט-קעמפער, דעמאָקראַטישע גרופּע, אגודה, אינדוסטריעלער, פרייע פּראָפעסיעס.

די צווייטע גרופּע, „פעראייניגטער יודישער ווירטשאַפליכער בלאָק נעמט אַרום דעם סוחרים-פעראיין, קליינהענדלער (אַלעע 8), ציוניסטען, מזרחי.

ביידע וואַהל - קאָמיטעטען האבען אַרויסגעשטעלט קאַנדידאַטען אין אַלע וואַהל-קרייזען, וואו ס'איז דאָ אַנ'אויסזיכט אויף אַ מאַנדאַט. דאס זענען פאָלגענדע 8 קרייזען: 1, 2, 3, 4, 5, 6, 7 און 10.

צווישען די צוויי וואַהל-קאָמיטעטען געהט אָן אַ פערביטערטער קאַמף וועגען פערכאַפּען וואס מעהר בענקלעך. פערשטעהט זיך, אַז ביידע צדדים וואַרפען איינער אויפ'ן אַנדערן די שולד פון נישט-צושטאַנד-קומען פון דער פעראייניגונג. ביידע פיהרען אַ לעבהאַפטע אַגיטאַציע און פערפּלייצען די שטאָדט מיט ימים פלוגבלעטלעך, פּלאַקאַטען וכדומה פּראָפּאַגאַנדע-מאַטעריאַל.

אויך די יודישע אַרבייטער-פּאַרטייען געהען מיט בעזונדערע ליסטעס צו די שטאָדט-ראַט-וואַהלען. אַזוי האט דער „בונד" אַרויסגעשטעלט צוויי קאַנדידאַטען-ליסטעס אין ערשטען און אין צווייטען וואַהל-קרייז, וואו זיי גלויבען אַדורכצופיהרען אַ קאַנדידאַט. די רעכטע פּועלי-ציון (פעראייניגט מיט צ. ס.) געהען אין 3 קרייזען: 1, 2 און 3-טען. די „אונאָבהענגיגע" אין 1-טען קרייז און די לינקע פּועלי-ציון אין ערשטען און צווייטען קרייז.

אָנווייזונגען פאַר וועהלער.

קודם כל מוז דער וועהלער אינפאָרמירען זיך, וואו ס'געפונט זיך דער לאָקאַל פון זיין וואַהל-אַבוואָוד. די דאָזיגע לאָקאַלען זענען אויסגערעכענט אויף די פּלאַקאַטען פון דער הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע, וואס זענען אויסגעקלעבט אין די גאַסען.

ס'איז אויך גוט צו געדענקען דעם נומער אָדער דעם נאָמען פון דער קאַנדידאַטען-ליסטע, אויף וועלכער מען וויל שטימען, ווייל איין און דיזעלבע ליסטע קאָן אין פערשידענע וואַהל-קרייזען טראָגען פערשידענע נומערן.

די וואַהל-צעטלען (דער פאָרמאַט שפּיעלט נישט קיין ראָל), מוזען זיין ווייסע. דער וואַהל-צעטיל דאַרף ענטהאַלטען דעם נומער אָדער נאָמען פון דער קאַנדידאַטען-ליסטע און חוץ דעם אויך די נעמען פון די קאַנדידאַטען אין דאָזיגען קרייז, אויף וועלכע דער וועהלער וויל שטימען. אויב דער נומער אָדער נאָמען פון דער ליסטע פעהלען אויפ'ן צעטעל, ווערט די שטימע דאַדורך נישט גע'פּסל'ט. יעדענפאַלס מוזען די נעמען פון די קאַנדידאַטען זיך אומבעדינגט געפונען אויפ'ן צעטעל.

מען מעג וועהלען אויסשליסליך אויף די נעמען פון איין קאַנדידאַטען-ליסטע אין ענטשפּרעכענדען וואַהל-קרייז. מען טאָר צום ביישפּיעל נישט אויפשרייבען נעמען פון 2 פערשידענע ליסטעס אָדער פון א ליסטע פון אַנ'אַנדערען וואַהל-קרייז. א צעטעל אָהן נעמען איז איבערהויפּט נישט גילטיג.

יעדער וועהלער לעגט אַריין אין דער אורנע נור 1 צעטעל, אויף וועלכען ער קאָן אויפשרייבען נור אַזויפיל נעמען פון איין קאַנדידאַטען-ליסטע, וויפיעל ראַטמענער עס דאַרפען געוועהלט ווערען אין דאָזיגען וואַהל-קרייז, דערביי קאָן ער געבען יעדען קאַנדידאַט צו 1 שטימע אָדער אפילו איין איינציגען קאַנדידאַט אַלע זיינע שטימען. צום ביישפּיעל אין א וואַהל-קרייז, וואו ס'דאַרפען געוועהלט ווערען 4 ראַטמענער, דיספּאָנירט דער וועהלער מיט 4 שטימען. ער קאָן אַלזאָ אויפ'ן וואַהל-צעטעל אויפשרייבען אָדער 4 פערשידענע נעמען פון איין ליסטע, אז'ער 4 מאָל דעם זעלבען נאָמען, אָדער 2 מאָל צו 2 נעמען א.א.וו. יעדענפאַלס מוזען אַלע נעמען זיין גענומען פון איין קאַנדידאַטען-ליסטע פון דעם זעלבען וואַהל-קרייז.

די וואַהל-צעטלען קענען זיין געשריבען מיט טינט אָדער אויך געדרוקטע. אויסער די נעמען פון די קאַנדידאַטען, אָדער עווענטועל דער נומער און נאָמען פון דער ליסטע, טאָרען קיין שום צושריפטען אָדער צייכענס נישט געמאַכט ווערען.

די אַבשטימונג איז א געהיימע, דעם צעטעל לעגט יעדער אַריין אין א זייט אין א געסטעמפּעלטען קאָפּערט, וועלכען מען בעקומט פון דער וואַהל-קאָמיסיע. די קאָפּערט דערלאַנגט מען דאַן דעם פאָרזיצער פון דער וואַהל-קאָמיסיע, וועלכער מוז איהם גלייך, אין דער אַנוועזענהייט פון'ם וועהלער, אַריינפאַרפען אין דער אורנע.

אויב דער וועהלער האט נישט מיט זיך קיין פּערזענליכען דאָקומענט איז גענוג די בעשטעטיגונג פון צוויי בעגלויבטע עדות, וועלכע זענען בעקאַנט דער וואַהל-קאָמיסיע.

די וואַהלען וועלען פאָרקומען פון 9 אינדערפריה ביז 7 אָוונד.

7 א זייגער אָוונד וועלען די טירען אין די בעזונדערע וואַהל-קאָמיסיעס געשלאָסען ווערען און עס וועלען נאָך בעווייזען אָבצוגעבען זייערע שטימען די פּערזאָנען, וואס וועלען זיך געפונען אינעווייניג. דאַן וועלען די קאָמיסיעס תיכף צוטרעטען צום צעהלען די שטימען.

דער אָפיציעלער רעזולטאַט פון די וואַהלען וועט פערעפענטליכט ווערען דעם 1 יוני ה.י. פון דעם דאָזיגען טאָג אָן ביז'ן 8 יוני וועלען קענען אַריינגעטראָגען ווערען פּראָטעסטען אין דער הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע גענען די וואַהלען.

שוין פערעפענטליכט די קאַנדידאַטען-ליסטעס.

מיטוואָך אין די מיטאָג-שעה'ן זענען אויף די מויערן פון דער שטאָדט אויסגעקלעבט געוואָרען בעקאַנטמאַכונגען פון דער הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע, וואס ענטהאַלטען די בעשטעטיגטע קאַנדידאַטען-ליסטעס אין אַלע 11 וואַהל-קרייזען, די אַדרעסען פון די לאָקאַלען, וואו דאס וואַהלען וועט פאָרקומען זונטאָג, דעם 27 מאַי, ווי אויך נויטיגע אָנווייזונגען פאַר די וועהלער.

מען האט איהר נאָכנישט אויסגעזאָגט.

סקיצע

פון ק. מיכאל

די טאַנטעס, די אָנקעל"ס, די שוועסטער, די ברידער—אַלע קרובים האבען זיך דאָ היינט צוזאַמענגעקליבען, טאַקי אין דוד'ס הויז, האבען ערנסט און שטיל גערעדט צווישען זיך, געהאַלטען א געהיימע בעראַטונג. דאס האט מען זיך דאָ אַזוי מיישב געווען צוליעב דעם, וואס העלאַ, דוד'ס ווייב, א פרוי א צאַרטע און א נערוועזע, האט אויף א טראַגישען אופן פערלוירען איהר זוהן — אַ זעכצעהן יעהריגער, אַנ'איינאונאיינציגער, וואס איז אָוועקגעפאָהרען צו אַ חבר צו-גאַסט אויף אַ פּאָר וואָכען און איז דאָרט דערטרינקען געוואָרען. די מוטער ווייסט נאָך דערווייל גאָרנישט און אָט די מורא'דיגע בשורה האט מען איהר דאס איצט געדאַרפט אָנזאָגען.

דוד, דער פאָטער, שוואַרץ ווי די ערד, איז געזעסען איינגעבויגען ביים טיש און האט עפּיס מעכאַניש געצייכענט מיט אַ בליישטיפט. זיינע ליפּען זענען געווען צוזאַמענגעדריקט. מיט שווערקייט, קוים עפענענדיג דאס מויל האט ער ציטערדיג אַרויסגערעדט:

— איך זאָג... שוין דער דריטער טאָג... זי האט זיך שוין אָנגעהויבען צו בעאונרוהיגען וואס ס'איז נישטאָ קיין בריף.

דאָ האט זיך זיין קול פּלוצלינג אין מיטען דעריבען איבערגעריסען און, אַ מאַך מהוענדיג מיט דער האַנד, האט ער דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט אויפ'ן טיש.

איינע פון די שוועסטערן, די יונגסטע האט מיט טרעהרען אין איהר קול בעמערקט:

— דאס מוז מען, ראס איז דאָך אומפּמיידליך. זי האט זיך נאָך נעכטען נאָכגעפרעגט וועגען בריעף... אָט, ווען דו, שרה, זאָלסט נעמען אין איהר...

— האט זי זיך געווענדעט צו דער עלטערער שוועסטער.

יענע איז אויפגעשפּרונגען:

— פאַרוואס עפּיס איך?

— דו ביזט די עלטסטע...

— און דו ביזט די יונגסטע...

— שטילער! — האט זיך אָנגערופען איין ברודער — אפשר גאָר אָנשרייבען איהר?

— עט, נאַריש!

איינע פון די טאַנטעס האט פאָרגעשלאָגען:

— איך וואָלט איהר געזאָגט, נאָר כ'האָב פשוט מורא, זי האט אַ שוואַך האַרץ...

עס איז אָנגעקומען אַ לאַנגע פּויזע פון שטילשווייגעניש. דער גרויסער זייגער האט לעבעדיג געקלאַפּט. נעבען איהם איז געשטאַנען אין אַ גרויסער ראַהם אַ בילד פון אַ יונגעל מיט דיקליכע נאַקעטע פיס. דאס איז טאַקי געווען דער דערטרינקענער יוסל.

די בליקען פון יעדען איינעם פון די פערזאַמעלטע האבען זיך פון צייט צו צייט געווענדעט צו דעם בילד. אָפטמאָל האט זיך אַ זיפץ אַרויסגעריסען פון עמיצענס ברוסט:

— אַזאַ אומגליק! אַזאַ אומגליק!

איינע פון די שוועסטערן איז צוגעגאַנגען צום יונגעל'ס פאָטער און האט איהם אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ'ן אַקסעל:

— גענוג, דוד, וויין נישט.

— איך וויין נישט—האט ער אויפגעהויבען-זיין מיט טרעהרען בעגאָסען געזיכט.

עס האט זיך געהערט אַ קלינג פון דעם טיר-גלעקיל, אַלע האבען אַ ציטער געטהון.

— דאס איז זי! — האט מען צושראָקען זיך גענומען שעפּטשען נאָך שטילער.

מיט אַ פרעהליך געלעכטער איז אין צימער אַריינגעקומען העלאַ.

— אוי, אַ שעהנע מעשה, כאַ כאַ! — האט זי געכאַכאַטשעט — טרעפט וועמען איך האָב בעגעגענט?

מיט קינסטליכע איבערטריבענע שמייכלען האט מען זיך געווענדעט צו איהר:

— וועמען?

— וועמען, טייערע?

— וואס איז, דוד? ווידער שמערצען?

— איז זי פּלוצלינג אַ בעאונרוהיגטע צוגעגאַנגען צום מאַן.

— יאָ, עפּעס... — האט ער אַרויסגעמורמעלט, אָננעמענדיג זיך ביים בויך.

— דו קוקסט אויס אַזוי שלעכט די לעצטע טעג! איך זאג שוין פון לאַנג, אַז דו דאַרפסט וועגען דעם עפּיס טהון. קיין בריעף נישט געווען?—האט זי זיך מיט דער לעצטער פראַגע געווענדעט שוין צו אַלעמען.

— נ... ניין, דאַכט זיך...

— גאָר נישט...

— אַ מאָדנע זאַך... דעם דריטען טאָג נישטאָ קיין בריעף. פריהער פלעגט ער שרייבען יעדען טאָג... — האט די מוטער געזאָגט און איז זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער.

— א דאגה דיר! ער איז דאָך נאָך א קינד... — האבען אַלע געענטפערט אין איין קול — וועמען ליגט עס אין קאָפּ? ווער טראַכט פון בריעף? אַ קינד נאָך!...

און די עלטערע שוועסטער האט נאָך צוגעגעבען:

— ער וועט נאָך שרייבען...

דער פאָטער איז געזעסען אָנגעבויגען איבער דעם טיש. אימיצער האט אַ פרעג געטהון:

— וועמען-זשע האסטו בעגעגענט, העלאָ?

— יאָ, — איז העלאָ געוואָרען אויפגעלעבט — איך געה מיר אַזוי, פּלוצלינג הער איך, עמיצער רופט מיך ביים נאָמען. כ'קוק זיך אום — האַלקין! דו געדענקסט, דוד, האַלקינ'ען פון דער פאַראַיאָהריגער דאַטשע? יוסל פלעגט אַלע מאָל נאָכמאַכען ווי ער פליאַסקעט מיט די ליפּען... נו, האבען זיך אָנגעהויבען אויספרעגענישען: וואס מאַכט עפּיס דער מאַן? און וואס מאַכט עפּיס יוסל? אויסגעוואַקסען מן-הסתם אַ גרויסער בחור? ער פרעגט זיך נאָך אויף יעדען בעזונדער. וואס איז מיט דיר, דוד?

— ניין, גאָרנישט, איך הער...

— איהר זענט צופעליג אריינגעקומען, צי איהר האט זיך ספּעציעל צוזאַמענגעקליבען? — האט זי זיך שוין שעלמיש געווענדעט צו אַלע.

— צופעליג... דער אָנקעל איז געווען ביי אונז, זענען זיי גראָד אָנגעקומען...

— אַ שעהנער דרויסען, נו, טראַכט איך מיר, כ'וועל זיך דורכגעהן צו העלאַ'ן...

— נו, קומטזשע אַלע טרינקען טיי!

— האט העלאַ אַ קאָמאַנדעווע געטהון און איז אַוועק אין עס-צימער אַריין. עס האט זיך פון דאָרט באַלד דערהערט אַ קלאַנג פון גלעזער.

— נו, ביז ווען וועט זיך דאס אַזוי ציהען?—האט דער מאַן אויפגעהויבען אַ מאַרטירעריש פּנים.

— דוד! אייגענטליך... דו ביזט דער פאָטער... דו ביזט... א מאַן... דאַרפסט אַליין...

דוד איז פּלוצלינג שרעקליך בלאַס געוואָרען:

— ניין, ניין אום גאָטעס ווילען! — און ער האט זיך מיט ביידע הענד פערדעקט דאס פּנים.

— אך, אַ שרעק, אַ מוטער זאָל נישט האבען קיין פאָרגעפיהל — האט זיך די טאַנטע אָנגערופען.

— נו, און דו וואָלסט דען יאָ געפיהלט? ס'איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אבער פון איהר האט מען עס בעהאַלטען... וואָסזשע איז זי שולדיג?

— ניין! מ'דאַרף ענדליך זאָגען, מען דאַרף זי צוגרייטען דערצו! — האט דער אָנקעל געזאָגט.

משפחה! טרינקען טיי! — האט העלאַ פון עס-צימער אַרויסגעזונגען מיט אַ ניגון פרעהליך און קלינגענדיג.

אַלע, אויסער דעם פאָטער, זענען אויפגעשטאַנען און אַריינגעגאַנגען אין עס-צימער. און דער אָנקעל, נעמענדיג פון איהר האַנד אַ גלאָז טיי, האט געזאָגט מיט אַ זיפצעל און מיט אָבגעהאַקטע ווערטער:

— עך, לעבען!... וואס איז אַזוינס דאס לעבען?...

— וואס פּלוצלינג פאַר א פילאָזאָפיע אָנקעל! — האט זיך העלאַ פונאַנדערגעלאַכט — עסט בעסער אַ קיכעל, איאָ געלונגענע קיכלעך?

— ניין, איך האָב גלאַט אַזוי זיך...

— איז דער אָנקעל געוואָרען אַביסעל ווי פערוווירט, האט גענומען אַ קיכעל און אַריינגעלעגט אין מויל אַריין.

— יאָ, טאַקי זעהר געראָטענע קיכלעך—האבען אַלע צוגעשטימט.

העלאַ, מישענדיג פערטראַכט מיט'ן לעפעלע די טיי, האט אַרויסגערעדט:

— כ'פערשטעה פּאָרט נישט, פאַרוואס ער שרייבט נישט?...

און אין איין קול האבען איהר אַלע געענטפערט:

— עט... אַ קינד נאָך...

א יודישע שפראַך וואָס האלט אין פערשווינדען

שפּאַניאָליש, דער „זשאַרגאָן" וואס די ספרדישע יודען האָבען גערעדט עטליכע הונדערט יאָהר.

פון ר. מלאכי.

נאָך דער מלחמה, זינט אין טערקיי האט גענומען הערשען דער נייער רעזשים און מוסטאַפאַ-קעמאל איז געוואָרען דיקטאַטאָר, האבען די יודען פון טהרקיי גענומען אויסשטעהן פערשידענע רדיפות און גזירות, וואס גראָבען אונטער די עקאָנאָמישע עקזיסטענץ פון בימעל יודען, וואס זענען פערבליבען אין טערקיי נאך דעם צופאלען פון דער געוועזענער אימפעריע. דער דיקטאטאָר פון טערקיי בענוגענט זיך אָבער נישט מיט עקאָנאָמישע בעגרעניצונגען. אין זיין וועלען „טערקיזירען" די פערשידענע נאַציאָנאליטעטען וואָס וואוינען אין טערקיי, האָט ער די יודען גענומען דריקען אויך ג י י ס ט י ג. ביסלעכוויז האָט מען די יודען גענומען צווינגען זיי זאָלען אויפגעבען זייער אַרט לעבען, קליידען זיך ווי די טערקישע בעפעלקערונג, בעגרעניצען זייער רעליגיעזע פרייהייט, ביז די לעצטע גזירה נישט צו רעדען שפּאַניאָליש — די אייגענארטיגע שפראך פון די יודען אין טערקיי און אין אַלע אָריענטאלישע לענדער וואו ספרד'ישע יודען וואוינען.

געגען דער דאָזיגער גזרה, אויפצוגעבען די שפּאַניאָלישע שפראַך, האָבען די יודען אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקען ווידערשטאנד און זיך געשטעלט געגען דער רעגירונג. ווי עס איז אָנגעגעבען אין דער פרעסע, האָבען די יודען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל „געקעמפט ווי די לייבען" פאר דער אויפהאלטונג פון דער שפּאַניאָלישער שפראַך. עס זענען פאָרגעקומען בלוטיגע צוזאַמענשטויסען צווישען יודען און די פּאָליציי, וואס וויל אויף זיי אַרויפצווינגען די טערקישע שפראך מיט געוואלד. די רבנים וואס האלטען אין שוהלען זייערע דרשות אין טערקיש, אַנשטאט שפּאַניאָליש, ווערען באָיקאָטירט און „אויסגעפייפט".

ווי ווייט די „שפּאַניאָליסטען" האָבען אין זייער קאַמף געזיעגט און געוואונען, איז נישט בעוואוסט; אָבער אז די דאזיגע שפראך האַלט אין פערשווינדען ווערען און איהרע טעג זענען געצעהלטע, בעווייזט דער פאַקט, דאס די גרעסטע און וויכטיגסטע שפּאַניאָלישע צייטונג אין קאנסטאנטינאפּאל האט אויפגעהערט צו ערשיינען. אזוי פערשווינדט פאר אונזערע אויגען אַ שפראַך, וואס א גרויסער טייל יודען האבען העכער פיער הונדערט יאהר אין איהר גערעדט, געשריבען און אַ ליטעראטור געשאַפען.

די שפּאַניאָלישע שפראַך, אָדער ווי זי איז אין דער ליטעראטור בעקאנט מיט'ן נאָמען „לאַדינאָ", איז פונקט ווי אונזער יודיש, געווען די שפראך וואס האט פעראייניגט אלע ספרד'ישע יודען וואס זענען אין פערשידענע לענדער צושפרייט, האט זיי פעראייניגט און אויסגעבילדעט צו א נאציאָנאלע קערפערשאפט. אין דער דאזיגער שפראַך האבען זיי זייערע געשעפטען געפיהרט, גערעדט און געשריבען און אנ'אייגענארטיגע ליטעראטור אויסגעבילדעט. זי האט זיך אממעהרסטען ענטוויקעלט אין די מזרח-לענדער, אָבער אויך אין אייראָפּאָ, איבערהויפּט אין וויען, לאָנדאָן און האמבורג, וואו עס געפונט זיך א גרעסערע בעפעלקערונג פון שפאנישע יודען, האט מען מיט הונדערט יאָהר צוריק גערעדט שפּאַניאָליש און ארויסגעגעבען צייטונגען און ביכער.

פונקט ווי יודיש, איז שפּאַניאָליש אין אָנפאנג פון איהר שאפונג און ענטוויקלונג געווען דורכאויס א שפראך פאר די מאסען, און די ביכער וואס זענען אין איהר געשריבען געוואָרען זענען געווען געווידמעט צו דעם המון און זענען געווען מעהר „ווייבערישע ספרים" און מעשה-ביכלעך. שפאניאליש איז אבער נישט אזוי „אינטערנאציאָנאליסטיש" געוואָרען ווי אונזער יודיש, פונקט ווי זי האט זיך נישט ענטוויקעלט ווי יודיש, וואס איז פון „זשאַרגאָן" געוואָרען א שפראך; זי האט אויך נישט אויסגעבילדעט א ליטעראטור וואס מען קען זיך רעכענען מיט איהר. זי איז פערבליבען אין איהר פרימיטיווען צושטאנד, אַ „זשאַרגאָן" פאר דער מאסע. שפאניאליש בעזיצט אבער א בעזונדערען חן, א צארטקייט און עלאסטישע בויגזאמקייט, וואס האט דעם יודישען „זשארגאַן" אין אנהויב פון זיין ענטוויקלונג געפעהלט.

ווי יודיש, בעזיצט אויך שפּאַניאָליש עלעמענטען פון פערשידענע שפראַכען, אויסער שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש. אויך א העברעאישען יסוד. די דאָזיגע שפראך האבען די יודען מיט זיך מיטגענומען בשעת מען האט זיי פערטריבען פון שפּאַניען צוזאמען מיט די אנדערע גייסטיגע אוצרות זייערע. פון דעם איז צו זעהן, דאס נאך פאר דעם גירוש האבען זיי אין דער דאָזיגער שפראך זיך בענוצט און זי איז צווישען די ברייטע מאסען מעהר גאנגבאר געווען ווי שפּאַניש אדער העברעאיש.

דער פּאָרטוגעזישער עלעמענט איז צוגעקומען, ווען אויך פּאָרטוגאל האט אנגעהויבען אַרויסטרייבען די יודען און די פליכטלינגע האבען זיך געראַטעוועט אין די לענדער, וואו די שפּאַנישע יודען האבען זיך איינגעאָרדענט.

דער העברעאישער עלעמענט איז אין שפּאַניאָליש נישט אזוי קענטיג, ווי אין יודיש, און די צאהל פון ווערטער איז פיעל קלענער ווי אין אונזער שפראַך. דאס איז, ווי פריהער געזאגט, דערפאַר, וואס די מאַסע האט העברעאיש נישט גוט געקענט; אבער דאס ביסעל העברעאישע ווערטער, וואס שפּאַניאָליש בעזיצט, איז נישט פערגרייזט און סיי אין רעדען, סיי אין שרייבען קומען זיי נישט אַרויס צוקאַליעטשעט, ווי אין יודיש.

די איבריגע שפראַכען, וואס פון זיי האט זיך שפּאַניאָליש אויסגעבילדעט, זענען: אראַביש, סערביש, גריכיש, בולגאַריש, טערקיש און איטאַליעניש — שפראַכען פון די לענדער, וואו די ספרד'ישע יודען האבען די לעצטע פיער הונדערט יאהר געלעבט. אין דעם דאזיגען „זשאַרגאָן פעהלען אבער אויך נישט דייטשע ווערטער, וואס האבען זיך נישט-ווילענדיג צוגעקלעבט צו איהר.

אַזוי האט זיך דער דאזיגער דיאַלעקט ענטוויקעלט אָהן אַ גראַמאַטיק, אבער מיט אנ'אייגענער ליטעראטור, וואס האט ארויסגערופען דעם אינטערעס פון פערשידענע פאָרשער.

אלס אַ ליטעראַטור הויבט שפּאַניאָליש אָן צו פונקציאָנירען אין 18-טען יאָהרהונדערט.

די ערשטע ליטעראַרישע פּרובען זענען פון א רעליגיעזען כאַראַקטער; דאס זענען מוסר-ספרים און קליינע פאָלקסטימליכע מעשיות און לעגענדעס. די מעהרסטע זענען איבערזעצונגען פון מדרש.

דער וויכטיגסטער ספר, וואס איז ערשינען אין 1730 יאהר איז „מעם לועז", געשריבען פון אַ ספרד'ישען דרשן מיט'ן נאמען יעקב בן מכיר כולי.

די ערשטע צייטונגען אין שפּאַניאָליש, וואס האבען אנגעהויבען ערשיינען זייט 1846 זענען געווען „שערי המזרח" אין סמירנא און „אור ישראל" און „זורנאַל ישראלית" אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זייט דאמאלס איז זייער צאהל געוואַקסען און פאַר דער מלחמה זענען ארויסגעגאנגען צעהנדלינגער שפּאַניאָלישע צייטונגען.

דער גרעסטער שפּאַניאָלישער זשורנאַליסט, וואס האט דערהויבען די שפּאַניאָליש פרעסע און ליטעראטור צום העכסטען פונקט, איז געווען דוד פריסקו, וועלכער האט, צווישען אנדערע איבערזעצט מאפו'ס „אהבת ציון", מענדיל מוכר ספרים'ס „האבות והבנים" א. א. וו.

פון אַנדערע שפּאַניאָלישע שרייבער זענען בעקאַנט: אברהם דאנין, ברוך מאַטראָני, עזרא בן ווינסטי א. א.

די שפּאַניאָלישע שפראך האט נישט געהאַט דעם מזל פון דער יודישער. אינ'ם אָנהויב פון איהר ענטוויקלונג האבען איהר געפעהלט אזעלכע שרייבער, ווי: מענדעלי, שלום עליכם און פרץ, וועלכע האבען געוויזען דעם גרויסען וואונדער פון א זשארגאָן ארויסצוארבייטען א שפראך. שטעהענדיג בכלל אויף אַ נידעריגער מדרגה פון די אשכנזים, זענען די ספרדים אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט מעהר פערגליווערט און איינגעשרימפען געוואָרען. דער וויכטיגסטער שרייבער זייערער, פריסקו, איז נאָר א זשורנאַליסט און איבערזעצער געווען, אבער נישט אַ שאפענדער גייסט. די גאַנצע שפּאַניאָלישע ליטעראַטור איז כמעט דורכאויס איבערזעצונגען און נישט אלע איבערזעצטע ביכער זענען פון א ליטעראַרישען ווערט. די בעוועגונג אויפצולעבען שפּאַניאָליש האט זיך אָנגעהויבען אין די לעצטע פינף און צוואנציג יאהר, אבער די מלחמה און נאכדעם די צופאלונג פון דער טערקישער אימפעריע, דער נאַציאָנאַלער שאָוויניזם פון טערקיי אין די באַלקאַן-לענדער האבען געבראכט צו דער אונטערגאנג פון דער שפראך מיט איהר פרעסע און ליטעראַטור.

איצטער, ווען שפּאַניאָליש האַלט ביים פערשווינדען, האבען זיך געפונען ליעבהאבער פון דער שפראַך, וואס האבען געזעהן, לכל הפחות, צונויפצוזאמלען איהר ליטעראטור און געגרינדעט אַ בעזונדערע שפּאַניאָלישע אָבטיילונג אין דער אוניווערזיטעטס-ביבליאָטעק פון ירושלים. די ביבליאָטעק האט אויך געפונען פאר נויטיג ארויסצוגעבען אַ רשימה פון די ביכער און צייטונגען. דער קאטאלאָג איז צוזאַמענגעשטעלט פון אברהם יערי און אין איהם זענען פערצייכענט 843 ביכער, זשורנאלען און צייטונגען, וואס זענען ערשינען פון 18 יאָהרהונדערט ביז איצט און געדרוקט אין פערשידענע לענדער. ווי פריהער געזאגט, זענען די מעהרסטע ביכער איבערזעצונגען פון פראנצויזיש אויף העברעאיש. עס געפינען זיך אבער אויך איבערזעצונגען פון יודיש (שלום עליכם און שמ"ר), דייטש („קאַפּיטאַל" פון מארקס) און רוסיש. אינטערעסאנט איז, אז אין דער שפּאַניאָלישער פרעסע האבען זיך בעטייליגט אשכנזישע שרייבער (אברהם פרומקין, דר. שמעון בערנפעלד און דר. מרדכי עהרענפרייז).

עס איז אויך כדאי צו בעמערקען, אז אין שפּאַניאָליש זענען די ביכער און צייטונגען געדרוקט און רש"י-כתב און זענען געזעצט אהן נקודות. די מאסע, כאָטש נישט קענענדיג העברעאיש, לייענט אבער גוט דעם רש"י-כתב, וואס ביי אונזערע יודען דאַרף מען זיין א שטיקעל למדן דאס צו לייענען. דער רש"י כתב האט ביי די ספרדים פערנומען דעם פלאץ פון דעם „ווייבער-טייטש" שריפט, אין וועלכען די אמאליגע יודישע ביכער און צייטונגען (די דיהרענפערמטער פריפ עגירטע „צייטונג", וואס איז אין דער צייט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע ערשינען אין מעץ און די יודישע צייטונגען אין אמסטערדאם) זענען געדריקט געווען.

רייזע = פלאַן

גילטיג פון 15-טען מאַי 1934 י.

קומען אָן:

פון וואַרשא: 0.52 (קורסירט פון 19 מאַי ביז'ן 8 וואַרשעשען); 3.41; 4.03; 9.35 (איבערשט. קאַלושקי), 10.50 שנ.; 14.34; 17.40 (איבערשט. קאַלושקי); 20.36 שנ.; 21.23 שנ.; 23.50 (איבערשט. קאַלושקי).

פון פּיעטרקאָוו: 7.41.

פון קאַטאָוויץ: 1.35; 7.32; 9.32 שנ.; 10.32; 13.00; 15.05; 17.27; 19.15; 19.48 שנ.; 22.25.

פון קראָקא: 1.49; 3.34 (קורסירט פון 21 מאַי ביז'ן 10 ווארזשעשען); 9.32 שנ.; 15.05; 19.30 שנ.;

פון הערבי: 7.24; 10.27; 17.49; 14.36; 22.03.

פון לובליניעץ: 14.36.

פון לאָדז קאַל. דורך זדונסקא וואָלא און הערבי: 7.24; 17.49; 22.03.

פון קעלץ: 5.32 (קורסירט פון 16 טשערוויעץ ביז'ן 19-טען שערפּיען); 7.35 (פון 15 מאַי ביז'ן 15 טשערוויעץ און פון 20 שערפּיען ביז'ן 14 מאַי); 19.32.

פון פּויזען מיט איבערשטייגען אין הערבי: 7.24; 17.49; 22.03.

פון גדיניא דורך אינאָווראַצלאַוו מיט איבערשטייגען אין הערבי: 7.24; 22.03.

געהען אָב:

נאָך וואַרשא: 1.40; 1.54; 3.39 (קורסירט פון 21 מאַי ביז'ן 10 ווארזשעש.); 5.40 (איבערשט. קאַלושקי); 9.34 שנ.; 12.10 (איבערשט. קאַלושקי); 15.12; 18.05 (איבערשט. אין קאַלושקי); 19.35 שנ.; 19.53 שנ.

נאָך פּיעטרקאָוו: 20.05.

נאָך קאַטאָוויץ: 4.08; 5.45; 8.05; 10.53 שנ.; 11.10; 16.10; 19.45; 20.41 שנ.; 22.15.

נאָך קראָקא: 0.57 (פון 19 מאַי ביז'ן 8 ווארזשעשען); 3.47; 10.53 שנ. 14.40; 21.28 שנ.

נאָך הערבי: 5.48; 7.45; 14.15; 18.10; 23.55.

נאָך לובליניעץ: 18.10

נאָך לאָדז קאַל. מיט איבערשט. אין הערבי און זדונסקא וואָלאַ: 7.45; 14.15; 23.55.

נאָך קעלץ: 4.08; 15.10.

נאָך פּויזען מיט איבערשט. אין הערבי: 7.45; 14.15; 23.55.

נאָך גדיניא מיט איבערשט. אין הערבי: 14.15; 23.55.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

מען שוויצט...

שוין לאַנג שטיל געווען אויף דער יודישער גאַס וואַהלען וואַהלעכטס, האָט מען אונז צוגעשיקט אַ טהוּעכץ, וואָס הייסט: וואַהלען צום שטאָדט-ראַט.

וואויל איז אונז געווען, אַז מען האָט די חברה צויאָגט און עס איז געווען אַ קאָמיסאַר. קיינער האָט נישט געהאַט קיין פּרעטענסיע. מיר האָבען זיך געלעבט רוהיג, במנוחה, און נאָר עוסק געווען אין היימישע צרות, ווי סקאַרב, מאַגיסטראַט, קראַנקען קאַסע, און אַנדערע אַזעלכע דראָבנע פּורעניות.

מיט דריי יאָהר צוריק האָבען מיר געהאַט קהלה-וואַהלען און חברה האָט זיך צובויקערט די ביינער, אַז מען פּיהלט נאָך ביז היינט די וועהטאָגען. שפּעטער זענען פאָרגעקומען וואַהלען צום קאָנגרעס. כאָטש דאָס האָט נישט אַרומגענומען אַזוי-צו-זאָגען די ברייטע מאַסען, פונדעסטוועגען איז געווען היימליך; מען האָט זיך ווידער געבויקערט די ביינער (צווישען היימישע אפילו), דער עולם האָט אָבער געהאַט אַ הנאה. און איצט האָבען מיר די אמת'ע שוויץ — וואַהלען צום שטאָדט-ראַט.

ביי די קהלה-וואַהלען האָבען געהאַט וואַהל-רעכט נאָר יודען — מענער פון 25 יאָהר אַלט, דאַנעגען די פרויען זענען נישט גענומען געוואָרען אין בעטראַכט. ביי די קאָנגרעס-וואַהלען ווידער האָבען שוין די פרויען אויך געהאַט וואַהל רעכט, נאָר זיי האָבען פריהער געמוזט האָבען אויסגעקויפט אַ שקל. און איצט האָבען אַלע, וועלכע האָבען בעוויליגט אַלט צו ווערען 24 יאָהר, דאָס רעכט אָבצוגעבען זייערע שטימען און שיקען די אויסדערוועהלטע אין שטאָדטישען פּאַרלאַמענט.

האָבען זיך צו דער דאָזיגער שיסעל צוגעכאַפּט אַלע, וועלכע האָבען נאָר הענט, אַט אַזוי, למשל, האָבען פּרעטענדירט אויף די 4 מאַנדאַטען פון ערשטען קרייז גאַנצע 9 ליסטעס, ואלה הם: א) ענדעקעס, ב) ב. ב., ג) בונד, ד) ליגקע, ה) רעכטע פּ. צ., ו) לינקע פּ. צ., ז) אונאָבהענגיגע, ח) אַלגעמיין יודישער וואַהל-קאָמיטעט און ט) דער יודישער ווירטשאַפטליכער בלאָק.

וואָס פאַר אַ קאַמף דאָרט וועט פאָרקומען, איז זיך לייכט פאָרצושטעלען. דאָס זעלבע אויך אין אַנדערע קרייזען. עס וועט זיין אַ געיעג נאָך מאַנדאַטען. יעדער איז ביי זיך זיכער, אַז נאָר זיין ליסטע וועט בעקומען די מאַנדאַטען און די אַנדערע וועלען פערשפּילען. אָט האָב איך געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ ליליפּוטען-פּאַרטיי, וועלכע האָט אויך אַרויסגעשטעלט אַ ליסטע, און דער גולם האָט מיר געוואָלט איינרעדען, אַז ער איז זיכער אין אַ גרויסען נצחון...

היוצא לנו מדברינו, אַז טאָמער לעבט מען אַ ביסעל במנוחה פאַלט אויף אונז אָן אַנ'אומגליק, וואָס הייסט וואַהלען, און דער עולם ווערט צוהיצט, אויפגעקאָכט, מען דעבאַטירט. נעכטיגע גוטע פריינד ווערען שונאים, מען טראַכט אויס איינער אויפ'ן אַנדערען אַזעלכע רכילות, אַז אפילו ווען דער בעטרעפענדער זאָל לעבען נאָך הונדערט יאָהר און דאָס אין אַ פערברעכערישער וועלט, וואָלט ער נישט אומשטאַנד געווען אַזויפיעל פערברעכענס אָבצוטהון...

מיט איין וואָרט — די לאָזשניע איז איינגעהייצט און דער עולם שוויצט...

אַז ער האַלט אין איין מאַכען ברית'ן...

פאַר עטליכע וואָכען האָב איך דערצעהלט וועגען אַ נייעם פּרנסה-ערפינדער, דהיינו: ער מאַכט ברית'ן.

א יודעל, וועלכער שטעלט זיך פאָר אַלס שניידער און הייסט גאָלדבערג, קומט צו געהן אין אַ שטוב און דערצעהלט אַ מעשה, אַז היות ווי ער מאַכט א ברית און ער האט לא עלינו נישט אַנצוגרייטען, בעט ער, אַז מען זאָל איהם אַרויסהעלפען. ער מאַכט טאַקי נישט — זאָגט ער — קיין גרויסאַרטיגע סעודה, נאָר אַ קריזיס-ברית: בראָנפען מיט לעקעך, אָבער געלד דאַרף ער דאָך. עס טרעפט, אַז מענשען ווערען אָנגעפּולט מיט רחמנות צו דעם דאָזיגען אָרימען ברית-מאַכער און ער בעקומט ביי זיי אַ פאַר גילדען.

עס זענען אָבער פעראַן אַזעלכע, וועלכע האָבען געלעזען אונזער צייטונג און ווייסען שוין פון דעם שפּיצעל, הייסען זיי איהם דעריבער קומען אַ צווייטען מאָל. אונזער ברית-מאַכער איז אָבער נישט קיין פרייער, און אַ צווייט מאָל קומט ער שוין נישט.

אַנגעטהון געהט ער אַנשטענדיג, אַזוי אַז ער מאַכט אַ גוטען איינדרוק און נישט צו פערזינדיגען — ער ציהט אַזוי-אַרום אַרויס פּרנסה.

אַנדערע האַנדלען מיט מאַנופאַקטור, מיט האָלץ, מיט אייזען, מיט שיך; נאָך אַנדערע געהען אַרום איבער די הויפען און זינגען, כדי אַרויסצובּרענגען די פּרנסה, און אונזער גאָלדבערג (נישט שטענדיג בענוצט ער זיך מיט דעם דאָזיגען נאָמען, נאָר פאַר די יעניגע, וועלכע האָבען מיר דאָס איבערגעגעבען, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַלס גאָלדבערג שניידער), ציהט אַרויס די זיינדיגע פּרנסה אַלס פּראָפעסיאָנעלער ברית-מאַכער.

אָרימע יודישע קינדערלעך.

קינדער — דאָס איז דער שטאָלץ פון דער צוקונפט. אַזוי פערשטעהן עס גרויסע פעלקער. אין אַמעריקאַ אָדער אין פראַנקרייך און אויך אין אַנדערע מלוכות, ווערען קינדער אָבגעהיטען, ווי אַנ'אויג אין קאָפּ. מען דערצעהלט, אַז אין אַמעריקאַ קאָן אַ קינד, ווען עס וויל, אַדורכגעהן אויף דער צווייטער

דער שיקזאַל.

(ערצעהלונג)

פון ל. ראַבינס.

פערהאָן צייטען, ווען איהר זאָגט אַרויס אַ מיינונג, וואס איהר דאַרפט נישט אַרויסזאָגען, נישט נאָר איז עס נישט אייער עסק, נאָר עס הענגט אויף אַ וואָגשאָל עמיצענס שיקזאָל און איהר האט נישט די רעכט צו דערלעגען וואָג אויף איין זייט אדער אויף דער צווייטער. אייער וואָרט, אַ בעמערקונג, אדער גלאָט אַ מיינונג, וואס איהר זאָגט אַרויס אינגאַנצען אָהן אַ ציעל, קען בעווענען די צווייטע פערזאָן צו מאַכען אַ וויכטיגען שריט, נעהמען אַ נייע ווענדונג אין לעבען, ריזיקירען מיט'ן בלינדען שיקזאָל.

מיר ווייסען אימער ווי אונזערע פריינד קענען און דאַרפען לעזען זייערע פערזענליכע און וויכטיגסטע פראָבלעמען און מיר זענען גרייט זיי צו געבען די עצות, בעת מיר זענען נישט קלוג גענוג פאַר זיך אַליין אין אַזעלכע עהנליכע אומשטענדען.

* * *

מיר זענען געזעסען א גרופע אַלטע בעקאַנטע ביי אונזער פריינד הערמאַן מישקין און געמיטליך פערברענגט. מישקין איז דער איינציגער רייכער אין אונזער קרייז, אבער ער האט זיך נישט דערווייטערט פון די אַלטע חברים און פריינד. איך פערזענליך האב ליעב אַריינצוקומען אַהין, ווייל עס איז דאָרט אַנגענעהם. מישקין און זיין פרוי מרים זענען די ליבליכסטע פאָר אויף דער וועלט. ביידע זענען אינטערעסאַנטע מענשען און געבילדעטע און זייער לעבען צוזאַמען איז אַ האַרמאָנישע סימפאָניע פון פערשטענדניס און אַכטונג איינס צום אַנדערן. מרים, ווייס איך, ליעבט און אַכטעט איהר מאַן און ער שעצט און ליעבט זי ווי זיין אייגען לעבען.

דאסמאָל האבען אין דעם געשפרעך אַלע גענומען אַ וואָרט אין אַ פראַגע, וואס האט אנגעריהרט נאר איין פערזאָן פון די אנוועזענדע, אַ פערזאָן נישט פון אונזער קרייז, יונגער פון אונז אַלעמען, נאָר אַ נאָהנטע. דאס איז געווען מרים'ס אַ יונגערע שוועסטער, וועמען מיר האבען אַלע געקענט און ליב געהאַט.

מיר האבען דאס מיידעל אָפט געטראָפען ביי מרים'ען אין הויז און געוואוסט, אַז זי פאָלגט אַלץ, וואס די עלטערע שוועסטער זאָגט איהר, קומט צו איהר מיט אַלע איהרע פערזענליכע פראָבלעמען, ווי צו אַ מוטער און אַזוי ווי מיר זענען געווען אַנ'ענגער אינטימער קרייז פון אַלטע פריינד, האבען מיר שטענדיג געוואוסט ווי די מיידעל ענטוויקעלט זיך, מיט וועלכע יונגעלייט זי קען זיך, מיט וועמען זי ראָמאַנסירט און וועגען וואס זי טרוימט.

דאסמאָל איז די זאַך געווען ערנסט. דאס מיידעל האט זיך פער'עקשנ'ט און נישט געוואָלט צוהערען זיך צו דער עלטערער שוועסטער'ס עצה. און עס האט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם וויכטיגסטען שריט אין אַ פרוי'ס לעבען — הייראַט. מרים איז געווען אויסערגעוועהנליך פערזאָרגט וועגען איהר שוועסטער און זי האט אונז אַלעמען אַריינגעצויגען, אַלס אַלטע גוטע פריינד אין דער דיסקוסיע, ווי דאס מיידעל דאַרף האַנדלען.

דאס מיידעל האט זיך פערליבט אין אַ יונגערמאַן, וועלכער האט אפילו נישט קיין פאַסטען. איהר אַרט אָבער נישט. זי ליבט איהם און זי וויל מיט איהם חתונה האָבען. מרים, אַלס די פראַקטישע עלטערע שוועסטער, איז געווען שטאַרק געגען דעם, אַז איהר שוועסטער זאָל הייראַטען אַזאַ מאַן, די שוועסטער, ווייס איך, האָפען זיך אויפגעהאָדעוועט אין פערהעלטניסמעסיגער רייכטום. זינט זייער קינדהייט האבען זיי געלעבט פון די אייגקונפט פון אַ ירושה, וואס איז פאַר זיי געבליבען פון זייער פאָטער.

— איך וועל איהם געבען געלד און ער וועט עפענען אַ געשעפט און מאַכען אַ לעבען פאַר אונז ביידען, האט דאס מיידעל געזאָגט.

מרים, מיט איהר שטאָלצען, פעסטען כאַראַקטער האט געזאָגט:

— איך האב פיינט אַ מאַן וועמען איך זאָל דאַרפען אַרויסהעלפען. איך וואָלט נישט געקענט רעספעקטירען אַזאַ מאַן און איך וואָלט איהם קיינמאָל נישט געקענט ליעבען.

די מיידעל האט קענטיג געפיהלט, אַז זי איז אין כאַראַקטער פונקט ווי איהר שוועסטער און זי האט אויף דעם גאַרנישט געענטפערט. מיר אַלע, אַלס גוטע פריינד, האבען אַרויסגעזאָגט אונזערע מיינונגען און מיר זענען אַלע געווען געניייגט נישט איינצושטימען מיט מרים'ען. אָבער מרים האט זיך נישט געלאָזט איבעררעדען. ביי איהר איז דאס נישט נאָר אַ פראַגע פון מיינונג, האט זי ערקלערט. אַזוי פיהלט זי. זי איז אויפגעוואַקסען מיט דעם בעגריף, אַז אַ מאַן דאַרף זיין דער שטאַרקער, דער פערדינער, דער בעזאָרגער און אַנדערש קען זי זיך נישט פאָרשטעלען. זי ווייסט, אַז עס זענען דאָ יעצט אַ סך פרויען צוליעב דעם קריזיס, וועלכע דאַרפען מאַכען אַ לעבען פאַר דעם מאַן, אבער זי איז נישט פון דעם סאָרט פרויען. זי וואָלט דאס פאַר קיין פאַל נישט געקענט טהון.

דער איינציגער, וואס האט נאָך נישט אַרויסגעזאָגט קיין מייגונג איז געווען הערמאַן מישקין. ער האט נאָר געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ ווען זיין ווייב האט גערעדט, נישט איינשטימענד און עטליכע מאָל אַ וואונק געגעבען קאָמעראַדריש צו דער מיידעל, ווי ער וואָלט זי וועלען ערמוטיגען. ער האט געוואָרט ביז וואַנען אַלע האבען אַרויסגעזאָגט אַלץ וואס זיי האבען געהאַט צו זאגען וועגען דער טעמאַ. דאַן האט ער זיך געווענדעט צום מיידעל:

— קום נאָר אַהער, מיין יונגע שוועגערין און זעץ דאָרט נישט אַזוי ווי אַ פער'משפט'ע, קום און זעץ זיך ביי מיין זייט און לאָז מיר האַלטען דיין האַנד בשעת איך רעד, וועל איך אייך עפּיס דערצעהלען.

די מיידעל איז צוגעלאָפען צו איהם און זיך צוגעטוליעט צו זיין אַקסעל מיט דאַנקבאַרקייט. זי האט איהם פערגעטערט. זי איז געווען אַ היבש ביסעל פערליבט אין איהם, ווי עס איז אָפט דער פאַל מיט יונגע שוועגערינס. ער האט געגלעט איהר האַנד, אנגעקוקט אונז אַלעמען מיט אַ שמייכעלע און געזאָגט:

— איך דענק, אַז איך וועל אייך איצט דערצעהלען אַ מעשה. עס איז אַ שעהנע געשיכטע. איך וויל אייך בעטען, אַז איהר זאָלט אַלע זיצען רוהיג און מיך אויסהערען...

אויב דאס וועט זיין איינע פון דיינע מעשיות מיט אַ משל, האב איך דאס שוין געהערט — האט מרים געזאָגט — איך האב שוין געהערט אַלע אַנעקדאָטען, וואס דו האָסט צו דערצעהלען, מיין מאַן. איצט, אויב די געסט וועלען מיר ערלויבען, וועל איך געהן אַריינברענגען אַביסעל כיבוד, אַז די געסט זאָלען האבען כח אויסצוהאַלטען ביז'ן סוף פון דער געשיכטע.

ניין, מיין ווייב, בלייב דאָ — האט ער געשמייכעלט און געצוואונגען זי צו זעצען זיך ביי זיין צווייטען זייט — דאס איז אַ געשיכטע, וואס דו האָסט נאָך נישט געהערט און דו מעגסט דאס הערען.

זי האט איהם געפאָלגט, זיך געזעצט ביי זיין צווייטער זייט, אַריינגעפלאָכטען איהר אָרעם אין זיינעם און איהם אריינגעקוקט אין די אויגען אַ גליקליכע, אַ פערליעבטע.

ער האט אנגעהויבען:

— די געשיכטע פאַנגט זיך אָן מיט היבשע עטליכע יאָהר צוריק. אַ געוויסער יונגערמאַן האט אַ גאַנץ גוטען פּאָסטען, נאָר ער איז נישט געווען צופרידען, איהם האט זיך געוואָלט האבען אַ געשעפט פאַר זיך. ער האט אויפגעגעבען זיין פאָסטען און איז אַריין אין געשעפטען, ער איז געווען אַ סוחר און דאַן האט ער געעפענט אַ פאַבריקעל.

— פערהאָן · פאַבריקאַנטלעך, וואס פערדינען ווייניגער ווי אַ גוטער אַרבייטער — האט עמיצער בעמערקט.

וואָרט, איך קום צו דעם — האט מישקין געזאָגט — דער יונגערמאַן האט זיך אַ שטיקעל צייט געמוטשעט, געהאַט עטליכע שותפים. מיט געלד און אָהן געלד, אָבער קיין גליקען האט ער אַלץ נישט געמאַכט. עס איז איהם נישט געגאַנגען. די צרה איז געווען וואס ער האט נישט געהאַט גענוג קאַפּיטאַל אין אַנפאַנג.

אַזוי? — האט זיין ווייב געזאָגט אומגעדולדיג — ציה נישט אַזוי די עצמות.

דו ווייסט דאָך, אַז איך האב פיינט מענשען וואס מאַכען נישט קיין ערפאָלג אין לעבען.

ער האט איהר מיט ליעבשאַפט אַ קוש געגעבען און געזאָגט:

— דער יונגערמאַן, וועמען איך קען זעהר גוט, האט אנגעהויבען צו ווערען פערצווייפעלט. ער האט געזעהען, אַז אַנדערע מענשען, וועלכע זענען נישט אַזוי פעהיג ווי ער, נישט אַזוי קלוג ווי ער און נישט אַזוי אַרבייטזאַם ווי ער, מאַכען אַנ'ערפאָלג און ער מוטשעט זיך אַלץ און קען זיך נישט אַרויפאַרבייטען. איין זאַך איז איהם געבליבען: טהון אַ גוטען שידוך, נעהמען אַ מיידעל מיט געלד.

— אַ גאַנץ געוועהנליכער מיטעל, — האט עמיצער פון אונז איבערגעריסען די רייד.

— דאס איז גראָד דעם יונגענמאַן אינגאַנצען נישט איינגעפאַלען — האט מישקין פאַרטגעזעצט — ערשטענס איז ער געווען צו עהרליך און צווייטענס איז איהם דער געדאַנק נישט איינגעפאַלען. ער איז געווען אַ שטיקעל אידעאַליסט און ער איז נאָך איצט אויך אַביסעל אַזאַ סאָרט משוגענער, וואס שאַצט זיינע אמת'ע געפיהלען טייערער ווי געלד און געשעפט-ערפאָלג.

— אָבער עס קאָן דאָך זיין, אַז אַ מיידעל זאָל איהם געפעלען ווערען און זי זאָל אויך האבען נדן—האָב איך געפרעגט.

— פון אַזאַ סאָרט חולאת האט דער יונגערמאַן סאַקי געליטען—האט מישקין געשמייכעלט—נאָר ער אַליין האט דאס נישט געוואוסט דאַן.

— ער האט זיך בעקענט מיט אַ מיידעל, וועמען ער האט זעהר געשעצט. זי איז געווען אַ מענש מיט כאַראַקטער, אַ שעהנע און אַ גראַטענע, אָבער ער האט געפיהלט, אַז זי איז אין אַלע הינזיכטען געשטאַנען העכער פון איהם און ער האט אפילו נישט געטרוימט וועגען ערקלערען זיך איהר אין ליעבע.

— איבערהויפּט האט דאָ געשפּילט אַ ראָלע די עקאָנאָמישע לאַגע. דאס מיידעל איז געווען אַ רייכע און אַ זעלבסטשטענדיגע, בעת ער אַליין האט זיך געמוטשעט און עס זענען געווען צייטען, ווען עס האט איהם געפעהלט אויף דירה-געלד.

ער האט זיך בעקענט מיט דעם מיידעל ביי בעקאַנטע אין הויז שפּעט אין אָוונד, איז אויסגעקומען אַזוי, אַז ער האט זי אַבגעפיהרט אַהיים. ער האט געזעהן, אַז זי וואוינט רייך. זי האט איהם בעהאַנדעלט העכסט פריינדליך און איהם איינגעלאַדען אויף אַ מיטאַג עטליכע טעג שפּעטער. זיי זענען אויף אַזאַ אופן בעפריינדעט געוואָרען און ער האט זי גאַנץ אָפט געזעהן, ער האט ליעב געהאַט צו פערברענגען מיט איהר, ער האט זי איינגעלאַדען אין טעאַטער, אין רעסטאָראַן, דאס האט איהם געקאָסט טייער. ער האט געזעהן, אַז דאס מיידעל איז צוגעוואוינט נאָר צו די טייערסטע רעסטאָראַנען און טעאַטער-בילעטען און ער האט אין קיין ביליגען רעסטאָראַן איהר נישט געקענט נעהמען. אָפטמאָל האט ער ביי זיך געקרעכצט, ווען ער האט געדאַרפט בעצאָהלען דעם רעכנונג אין אַ רעסטאָראַן אָדער פאַר אַ טעאַטער-בילעט. אָבער ער האט אַזוי פיעל גענאָסען פון איהר געזעלשאַפט, אַז ער איז געווען גרייט צו הונגערן, שפּאָרען פון זיינע מיטאַגער און קויפען פאַר איהר איין מאָל אין וואָך די טעאַטער-בילעטען.

(סוף קומט).

געגען האַרטלייביגקייט און העמאָרידען, מאַגען און קישקעס שטערונגען איז א הערליך מיטעל יעדען טאָג צו נעמען דאס נאַטירליכע ביטערוואַסער
FR NCISZKA JÓ EFA

זייט גאס און אָבשטעלען דעריבער די גאַנצע פאָהר-בעוועגונג.

אויך ביי אונז הויבט מען זיך אָן צו אינטערעסירען מיט'ן קינד — מה שאין כן מיט'ן יודישען קינד. דאָס יודישע קינד פיהלט נאָך אין זיין קינדהייט דעם טעם פון גלות.

א קליינער פאַקט:

ווי מיר האבען שוין דערצעהלט, איז פאָרגעקומען א קאָנקורס פון די כאָרען פון אַלע פּאָוושעכנע שולען, צווישען זיי אויך דער כאָר פון די יודישע פּאָוושעכנע שולען, אונטער דער אָנפיהרונג פון ה' פישעל. מילא, אַז די יודישע קינדער האָבען געזונגען שענער פון אַלע, ווייסט איהר דאָך שוין. דער אינספּעקטאָר אַליין האט עפענטליך געדאַנקט דעם ה' פישעל פאַר זיין מוסטערהאַפטען כאָר, און זאָגאַר דער „יודען-פריינדליכער גאַניעץ" האָט געמוזט מודה זיין, אַז דער יודישער כאָר האט אמשענסטען געזונגען. ווען דער קאָנצערט האט זיך אָבער איבערחזר'ט פאַר קינדער, איז בעת די יודישע קינדער זענען אַרויף אויף דער ביהנע און אָנגעהויבען זינגען, איז געוואָרען א געפייפערי און אַ לאַרם, און עס האָבען זיך געהערט אויסגעשרייען: „זשידזי". ערשט דאָס הערליכע סאָלאָ-שטימעלע פון מאַרדקאָוויטש'ן האט זיי אביסעל שטיל געמאַכט. באַלד אבער האבען זיך די ווילדע קולות פון דער פערסמ'טער קריסטליכער יוגענד ווידערהאָלט; מעגליך, אַז דאָס איז געווען צוליעב קנאה פאַר זייער שעהן זינגען — דאס ענדערט אבער נישט דעם פאַקט.

איהר קאָנט שוין אַליין פערשטעהן די פערביטערונג פון די יודישע קינדער וועלכע האבען געפיהלט דעם גלות-יאָך אויף זייערע יונגיטשקע פּלייצעלעך, צוזאַמען מיט די גרויסע יודען.

אט אַזוי זעהט עס אויס. באַלד פון קינדהייט אָן ווערט אונזער לעבען פערסמ'ט, און א גרויס רחמנות נעמט ארום אויף אונזערע אָרימע יודישע קינדערלעך.

א וואונדערבאַרע פאָרשטעלונג.

כ'ווייס נישט צי אין דער שולע פון פרל. ווייגשטאָק קאָנצענטרירען זיך אַלע בעגאַבטע קינדער, אָדער די רעזשיסערען פון דער דאָזיגער שולע זענען בכח פון זיך אַרויסצוגעבען אַזויפיעל, כדי פון די קינדער אַרויסצובעקומען דעם מאַקסימום פון זייער טאַלאַנט. אַ פאַקט איז אָבער, אַז זייערע פאָרשטעלונגען שטעהען אויף א הויכען אַרטיסטישען ניוואָ.

מיר האבען שוין געזעהן עטליכע פאָרשטעלונגען פון די קינדער פון דער אויבענדערמאַנטער שולע און אַלע זענען געווען ווירקליך בעוואונדערונגסווערט. און שוין האבען מיר ווידער צו פערצייכענען אַנ'אויסערגעוועהנליך געלונגענעם אויפטריט פון די דאָזיגע קינדערלעך.

אַ שפע פון קאָסטיומען, דעקאָראַציעס און דער עיקר—די מוזיק איז וואונדערבאַר. די קינדער זינגען אַזוי ווי זיי וואָלטען געענדיגט אַ קאָנסערוואַטאָריום.

דו זיצסט אויף דער פאָרשטעלונג און פערגעסט, אַז דו זעהסט פאַר זיך קינדער. ס'דאַכט זיך דיר אויס, אַז דו ביזט אין אַנ'אָפּערע, וואו געניטע אויסגעשולטע קינסטלער גיבען דיר אַ פּראַכט פאָרשטעלונג.

עס וואָלט געווען אַנ'אונבעדינגטע עולה, ווען די דאָזיגע פאָרשטעלונג זאָל נישט ווידערהאָלט ווערען. אַזוי פיעל כוח און מיה און דער עיקר — געלד אויף קאָסטיומען ווי דאס האט געקאָסט וואָלט געווען געוואונשען, אַז ס'זאָלען זיך נאָך מענשען דערקוויקען פון דעם הערליכען נחת-רוח, וואס מען האט פון דער דאָזיגער וואונדערבאַרער קינדער-פאָרשטעלונג.

וידבר משה אל בני ישראל לאמור

דעם צווייטען טאג שבועות איז דאס געווען. ווען דער שוהל-עולם האט געוואלט וואס פריהער אָבדאַוונען, כדי זיך צו געזעגנען מיט'ן קעז קוכען, איז אָנגעקומען ר' משה האַלטער מיט זיינע חברים און פאַר קריעת התורה האט ר' משה אָנגעהויבען צו רעדען אל בני ישראל און דער עיקר—אל בית ישראל—צו די יודישע פרויען, אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען: כה תאמר אל בית ישראל.

הקיצור, די דרשה וועגען טהרות בנות ישראל האט געדויערט אַ קנאַפּע שעה און די פרויען האבען פערגאָסען טרעהרען פון די מוסר-רייד פון בעל-דרשן. אויך די מענער זענען געקומען טרעהרען אין די אויגען אַריין, מחמת דעם, וואס זיי וועלען מוזען הונגערן אַנאיבריגע שעה.

הקיצור, דער עולם איז טאַקי אַהיימגעגאַנגען שפּעטער און אַלץ איבער דעם „לאָמור", וואס ר' משה האט געדבר'ט אל בני ישראל.

זיי זענען אַהיימגעגאַנגען בעלאַדען

די יודען, וועלכע זענען אַהיימגעגאַנגען יום-טוב פון דאַווענען, כדי מקיים צו זיין די אכילת סעודה ביום-טוב, זענען אויפ'ן וועג פערהאַלטען געוואָרען דורך די פּערטיילער פון פּערשידענע וואָהל אויפרופען, אַממעהרסטען פון די לינקע גרופּירונגען, וועלכע האבען פערטשעפּעט די „רעליגיעזע, פינסטערע קלעריקאַלען", וואס זענען געגאַנגען פון דאַווענען, אַז זיי זאָלען נישט שטימען „פאַר'ן קלער פון די פינסטערע עלעמענטען, נאָר פאַר זיי, די פריידענקער, וועלכע זענען רעליגיאָנסלאָזע.

אַזאַ יוד האט זיך נעביך געאיילט אַהיים קידוש מאַכען, האט ער געכאַפּט די אַלע בלעטלעך און איז אַהיימגעגאַנגען בעלאַדען „מכל טוב"...

ער האָט איהם צוגעזאָגט.

ווידער איינער פון אַ סך פאַקטען פון יעצטיגען דור — די בעציהונג פון קינדער צו זייערע עלטערן.

אויף נאַדזשעטשנאַ גאַס האט אַ יוד, וועלכער הייסט ק—ן חתונה געמאַכט אַ בן-זקונים, איהם אָוועקגעגעבען די לעצטע פאַר גילדען און געמאַכט מיט איהם אַנ'אָבמאַך, אַזוי צו זאָגען: היות ווי דער אַלטער טאַטע איז אַנ'אַלמן, טאָ נאָכוואָס וועט ער חתונה האבען אויף דער עלטער און זיך פּערדרעהען אַ קאָפּ, בעסער וועט ער וואוינען צוזאמען מיט'ן יונגען פּאָר און עס וועט זיין שלום על האב ועל הבן.

די איבריגע קינדער האבען אפילו געהאַט תרעומות, הלמאי דער פאָטער גיט אָוועק ס'גאַנצע אָנגעהאָרעוועטע געלד דעם יונגסטען זוהן, נאָר היות ווי ס'איז געמאַכט געוואָרען אַ כתב, אַז כל זמן דער פאָטער וועט לעבען, וועט דער יונגסטער זוהן מאכל ומשקה זיין איהם און אויסהאַלטען מיט אַלע אַנדערע הצטרכות'ן, זענען אויך די איבריגע קינדער לאַין ברירה בעשטאַנען דערויף.

פערדריסט אבער די שניר, וואס דער אַלטער לעבט צו לאַנג... און זי וויל איהם מאַכען דעם טויט. טיילען זיי איהם אויס צרות, אַז דעם אַלטען ווערט מיאוס ס'לעבען, ער לויפט דעריבער אָרום צו זיינע איבעריגע זיהן און אויך צו שכנים און שרייט: פאַרוואס טיילען זיי מיר אויס צרות, פאַרוואס לאָזען זיי מיך נישט לעבען, איך האָב דאָך זיי אָוועקגעגעבען מיינע לעצטע אָנגעהאָרעוועטע גראָשענס און זיי דאַרפען מיך דערפאַר אויסהאַלטען.

אַז דער סוף איז גוט, איז אַלץ גוט.

אויב מיר האבען יום טוב נישט געהאַט קיין סך פערגעניגען, האבען מיר דערפאַר מוצאי יום-טוב געהאַט גרויס נחת.

עס איז אויפגעטרעטען מיט אַ קאָנצערט די בעוואוסטע טענצערין יהודית בערג, וועלכע האט אַריינגעברענגט אין דער טאַנץ-קונסט דעם יודישען מאָטיוו.

דער „פּלפּול", „מנחם מענדיל", „אַ יודישע חתונה", „די אַלטע קשיה" און נאָך און נאָך — דאס איז אַ נייעס אין יודישען לעבען. ווי עלעקטריזירט איז דער עולם געוואָרען, זעהענדיג ווי מען קאָן מיט פּלאַסטישע בעוועגונגען אויסדריקען גאַנצע וועלטען.

זי איז אַ גאָט-געבענשטער טאַלאַנט און מיר האבען גרויס נחת געהאַט.

אַז דער סוף איז גוט, איז אַלץ גוט.!

לויתן

זומער-לאַגערן פון „מכבי".

ספאָרט-לאַגערן זענען שוין פון לאַנג אַנערקענט געוואָרען אַלס וויכטיגער פאַקטאָר פון פיזישער ערציהונג, וועלכער קאָנצענטרירט אין זיך די בעסטע געזונדליכע און ערציהערישע עלעמענטען. עס איז ווירקליך שווער צו געפינען אַנ'אַנדער מין ספאָרט, וועלכער זאָל בעזיצען אַזוי פיעל אידעאַלע אייגענשאַפטען, ווי אין דעם זומער-לאַגער-ספאָרט. קודם כל מוז בעטאָנט ווערען, אַז דער ספאָרט-לאַגער ווערט איינגעאָרדענט אין אַ אַנ'אידעאַל געזונדענע געגענד — אין די בערג, אָדער ביים ים, וואו די לופט איז אויסערגעווענליך ריין, די זון שיינט אַמהערליכסטען, ווי אין אַנ'אַנדער אָרט, דאס דערקוויקענד וואסער פון טייך, אָדער ים גיט די מעגליכקייט צו ערפרישען דעם קערפער ביי יעדען וואונש — מיט איין וואָרט: אַזעלכע אידעאַלע בעדינגונגען איז נישט מעגליך אויסצוטרוימען אַפילו אויף דעם גרעסטען און מיט'ן בעסטען קאָמפאָרט אייגנגעאָרדענטען סטאַדיאָן.

די פיזישע בעוועגונג, אין אַזעלכע בעדינגונגען געטריבען, גיט די מאַקסימאַלע דערגרייכבאַרע רעזולטאַטען.

אויסער דעם גיט דער ספאָרט לאַגער די מעגליכקייט איינצואָרדנען פערשידענאַרטיגע אויספלוגען: אין די בערג, אויף קאַיאַקעס, ים-שפּאַצירען א. ד. ג. ווער ס'האָט איינמאַל פערזוכט דעם טעם פון אַ ספאָרטליכען אויספלוג און פון טוריסטיק, דער וועט פערשטעהן וויפיעל פערגעניגען און געניס זיי גיבען דעם אָנטיילנעמער.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז דער ספאָרט-לאַגער גיט דעם ספאָרטלער די בעסטע מעגליכקייט זיך פיזיש ווי אויך גייסטיג צו ענטוויקלען, שאַפט דעם יונגען ספאָרטלער די בעסטע געלעגענהייט צו דערגרייכען דעם לעבענס-גענוס, וואָס ס'קומט אָן אַזוי שווער אין דער טעגליכער אַרבייט, דורכגעפלאָכטענער מיט פערשידענע דאגות און זאָרגען.

מען טאָר אויך נישט פערגעסען וועגען דער גרויסער ערציהערישער בעדייטונג פון ספאָרט-לאַגער, בעת וועלכען דאָס קאָלעקטיווע לעבען בילדעט אויס דעם כאַראַקטער פון ספאָרטלער.

עס איז נישט קיין וואונדער, וואס דאס ספאָרט-לאַגער-לעבען איז אַזוי ענטוויקעלט אויף דער גאַנצער וועלט. אין פיעל לענדער — אויף מערב און אין אַמעריקא — איז דער ספאָרט-לאַגער דאָס איינציגע אָרט, וואו די ספאָרטלער פערברענגען זייער אורלויב, ביי אונז איז אָבער דער מין ספאָרט נאָך שוואַך ענטוויקעלט און ספעציעל מיר יודען, האָבען אַ קנאַפּע פערשטענדעניש פאר אַט די גרויסוואַרטיגע פעראַנשטאַלטונג — ווייל עס פעהלט אונז דער אונמיטעלבאַרער ביישפּיעל. דאָך פון יאָהר צו יאָהר מעהרען זיך ביי אונז אין פוילען ספאָרט-לאַגערן און ספאָרט-קאָלאָניעס און ערווערבען זיך וואס מעהר אנהענגער און אנטיילנעמער.

א אינטענסיווע ארבייט אין דער ריכטונג פירט אַ רייה יאָהרען דער „מכבי"-פערבאנד אין פוילען. אָנהויבענדיג פון ערשטען ספאָרט-לאַגער אין ווישקוב אין יאָהר 1930, ווערט די טעטיגקייט אויף דעם געביעט פערשטאַרקט און נעמט ארום א וואס גרעסערע צאָל טיפען פון ספאָרט-לאַגערן. עס זענען שוין איינגעאָרדענט געוואָרען ספאָרט-לאַגערן פאַר אינסטרוקטאָרען, פאָרטורנער, פעריען-קאָלאָניעס, וואנדער-לאַגערן, בערג-לאַגערן, רודער-לאַגערן א. ד. ג. די ספאָרט-לאַגערן ווערען איינגעאָרדענט אין פערשידענע ערטער און געגענדען, רופען אַרויס גרויס אינטערעס און ענטוזיאַזם ביי די ברייטסטע שיכטען פון דער יודישער ספאָרטליכער וועלט.

דאָס היי-יאָהריגע פראָגראַם פון די „מכבי" ספאָרט-לאַגערן איז פיעל פערברייטערט געוואָרען. אין אַלגעמיין וועלען איינגעאָרדענט ווערען 17 ספאָרט-לאַגערן פון פערשידענע טיפען און כאַראַקטער.

א) אויסבילדונגס - לאַגערן — פאַר פרויען וועלען איינגעאָרדענט ווערען אין סקאָלע (מזרח-גאַליציען) אין דער צייט פון 20 יוני ביז 30 יולי מיט פאָלגענדע קורסען: 1) פאַר ספאָרט-טהוערינס און אָרגאַניזאַטאָרינס, 2) פאַר לעהרערינס פון „תרבות" און אַנדערע פאָלקס-שולען, 3) פאַר פאָרטורנערינס פון פיזישע איבונגען (אַנ'איינלייטונגס-קורס און דערגענצונג-קורס), 4) פאַר אינסטרוקטאָרינס פון פיזישע איבונגען (העכערע שטופע).

פאַר מענער וועלען פאַרקומען פאָלגענדע קורסען: 1) פאַר פאָרטורנער און אינסטרוקטאָרען פון פיזישע איבונגען אין גראנדיטשע (נעבען גראדנא) אין דער צייט פון 1 ביז'ן 30 יולי, 2) פאַר באָקס - אינסטרוקטאָרען אין סקאָלא פון 1 ביז'ן 15 אויגוסט, 3) פאַר פוטבאָל אינסטרוקטאָרען אין נאָווי טאַרג פון 13 ביז'ן 30 אויגוסט, 4) פאַר לעהרער פון „תרבות"-שולען אין סקאָלע פון 20 יוני ביז'ן 19 יולי.

ב) פעריען-לאַגערן:

דער צענטראַלער פעריען-לאַגער וועט איינגעאָרדענט ווערען ביים ים אין אָרלאָוו (נעבען גדיניא) אין יולי און אין אויגוסט. דער לאַגער איז בעשטימט פאר די ברייטסטע שיכטען פון ספאָרטלער. דאס איז גלייכצייטיג דער ע"ש-טער „מכבי"-לאַגער ביים ים. אויסער דעם וועלען איינגעאָרדענט ווערען אַ בערג-לאַגער אין קאָוואַניעץ (נעבען נאָווי-טאַרג) און אַ וואַנדער לאַגער אין טשאַרנאַגור מיט'ן אויסגאַנגס-פונקט פון וואָראַכטע.

ג) סקויטען לאַגערן:

דער פּראָגראַם פון ספאָרט-לאַגער פון „מכבי" נעמט אויך אַרום אַ רייה סקויטען-לאַגערן פון די אָרגאַניזאַציעס: „השומר-הצעיר", „גורדוניה", „הנוער הציוני" א. א. ס'ווערען איינגעאָרדענט 10 לאַגערן אין פאָלגענדע ערטער: מיעדזעשין, רעמבערטאָוו, ביאַלאָוויעזש, נאָוואָסטאַוו, באַנסקא-ניזשניא, בראַשניעוו, אנטאָפּאָל, סעמיאַטיק, ראַמאַטשעוו און ווירכאמלא.

ווי מיר זעהען פון דעם פּלאַן נעמען אַרום די ספּאָרט - לאַגערן פון „מכבי" דאָס יאָהר גאַנץ פוילען מיט אַ געדיכטער נעץ. ס'ווערט ערוואַרט דער אַנטייל פון העכער 3.000 פערזאָן. נאַטירליך איז נאָך ווייט פון דעם, אַז אַלע אַקטיווע ספאָרטלער זאָלען אין די ספאָרט-לאַגערן קאָנען אַנטייל נעמען. דאָך איז דער פאָרשריט אַ גרויסער. מיר שטרעבען צו דעם, אַז דער ספאָרט-לאַגער זאָל ווערען אַ נויטווענדיגקייט אין לעבען פון יעדען יודישען ספאָרטלער, אַז ס'זאָל זיך נישט געפונען קיין איין בעוואוסטזיניגער ספאָרטלער, וואס זאָל נישט האָבען דורכגעגאַנגען אַ ספאָרט-לאַגער-קורס.

איינשרייבונגען ווערען אַנגענומען אין לאַגערן רעפעראַט פון „מכבי"-פערבאַנד אין וואַרשא, אָרלא 6.

לויט'ן וואונש ווערען אַרויסגעשיקט פּראָספּעקטען און אינפאָרמאַציעס נאָכ'ן דערהאַלטען אַ פּאַסט מאַרקע פאַר 30 גר. אויף א תשובה.

עזריאל יאַקובאָוויטש.

ווילסטו האָבען אין שטאָדט-ראַט עהרליכע און מוטיגע פערטיידיגער, שטים

10

אויף די קאַנדידאַטען פון דער ליסטע נר.

ברוך הבא!

(צום בעזוך פון זאב זשאַבאָטינסקי אין טשענסטאָכאָוו).

קומענדען דינסטאַג וועט די טשענסטאָכאָווער יודישע בעפעלקערונג האָבען די געלעגענהייט צו בעגריסען ביי זיך אַלס גאַסט איינעם פון די אַנגעזעהענסטע פיהרער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, גרינדער און פּרעזידענט פונ'ם וועלט-פערבאַנד פון ציוניסטען-רעוויזיאָניסטען — זאב זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט בעת זיין קורצען אויפענטהאַלט אין פוילען בעשלאָסען אויך צו בעזוכען אונזער שטאָדט טשענסטאָכאָוו.

דער נאָמען זאב זשאַבאָטינסקי איז וויים און ברייט בעקאַנט אין אַלע ווינקעלעך פון דער יודישער וועלט, סיי מיט זיין שריפטשטעלערישער פעדער, סיי מיט זיין וואָרט און סיי מיט זיינע טהאַטען אַלס מוטיגער קעמפער פאַר'ן יודישען כבוד, האָט ער זיך ערוואָרבען איינעם פון די בעדייטענדע פּלעצער אין לעבען פונ'ם יודישען פאָלק. ווי אַ ליכטיגער זייל איז ער געגאַנגען פאַר דער יודישער יוגענד, רופענדיג זי צו ערהאַבענע אויפגאַבען, צום נאַציאָנאַלען שטאָלץ, צום גלויבען אין אייגענעם ווילען.

דער שעפער פון יודישען לעגיאָן, דער געפאַנגענער פון עכו, איז איינער פון די אָנערקענטסטע פיהרער פון היינטיגען דור, וואס זעהט אין איהם דעם פאָהן-טרעגער פון „מלכות ישראל", די יודישע מלוכה, וואס מוז צוריקגעשטעלט ווערען אין איהר אַלטער היים אין פולען גלאַנץ.

זאב זשאַבאָטינסקי איז אויך דער וואונדערבאַרער קינסטלער פון וואָרט, דער גאָט - געבענשטער רעדנער און שריפטשטעלער, וואס קאָן אַזוי מייסטערהאַפט איבערגעבען זיינע איינדריקען און געדאַנקען דעם צוהערער און לעזער, אַזוי לייכט און גראַציעז, אַזוי שפּילענדיג און גלייכצייטיג איבערצייגענד, אַז זיינע רעדעס און אַרטיקלען פערשאַפען אַנ'אונערשעפּליכען גייסטיגען גענוס, דער לעזער ווערט מיטגעריסען מיט זיינע שילדערונגען, ווערט געפאַנגען דורך דער קראַפט פון זיין איבערצייגונגס-טאַלענט.

זאב זשאַבאָטינסקי'ס וואַגיגע וואָרט איז אין דער יעצטיגער קריטישער צייט פאַר אונז פיעלפאַך וויכטיג, ווייל ער איז דער פיהרער פון גרויסען פּאָרמאַט, זיין שטורמישער טעמפעראַמענט און די גליהענדע היץ פון זיין אויסערגעוועהנליכער רעדנער-קראַפט מאַכען איהם פאַר אַ פאָלקס טריבון.

מיר בעגריסען איהם צו זיין קומען נאָך טשענסטאָכאָוו מיט דעם טראַדיציאָנעלען ברוך הבא !



וויצע-מיניסטער קאַראָסאָק און געג. גורעצקי אין טשענסטאָכאָוו.

שבת האָבען געוויילט אין טשענסטאָכאָוו: דער שעפער פון זעלבסטפערוואַלטונגס-געזעץ, וויצע מינ. קאַראָסאָק און געג. גורעצקי, פּרעזעס פון דער פעדעראַציע פון די מלוכה-פערטיידיגער.

5 א זייגער נאָכמיטאָג איז אויפ'ן מאַגיסטראַט-פּלאַץ פאָרגעקומען א דעפילאַדע פון 4 טויזענד ג. מיליטער-לייט און דאַן איז אין קינאָ „לונאַ" פאָרגעקומען א פערזאַמלונג, אויף וועלכער די געסט האָבען געהאַלטען רעפעראַטען.

התחלת-הספר א.ג. „התורה והמדרש"

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן הונדערט-יעהריגען יובל פון שטאָדטישען בית-המדרש, וועלכער פאַלט-אויס היי-יאָהר, איז לויט דער איניציאַטיוו פון היגען רב שליט"א צוזאַמען מיט'ן ספּעציעל-געגרינדעטען קאָמיטעט פאַר'ן בוי פון נייעם בית-המדרש, בעשלאָסען געוואָרען צו שרייבען א שטאָדטישען ספר-תורה, אין וועלכען ס'זאָל האָבען א חלק יעדער טשענסטאָכאָווער יוד, קויפענדיג א פּסוק, וואָרט אדער אות.

די התחלת-הספר איז בעשטימט געוואָרען אויף דאָנערשטאָג, פּ' בהעלותך (31 מאַי), 5 א זייגער נאָכמיטאָג, אין דער שטאָדטישער שוהל.

די התחלת-הספר וועט זיין זעהר אימפּאָזאַנט. דער שטאָדט-חזן, ה' באַדאַש וועט מיט זיין כאָר און מוזיק אַבריכטען די געהעריגע תפילות און דער רב שליט"א וועט האַלטען א דרוש מעניינא דיומא.

צום דאָזיגען צוועק איז געמאַכט געוואָרען א פּנקס-הזהב, אין וועלכען אַלע געקויפטע אותיות וועלען איינגעשריבען ווערען לזכר עולם.

קאָמוניקאַט פון דער יוד. געז. פאַר לאַנדקענטשאַפט.

שבת, דעם 26 ד. ח. וועט פאָרקומען אַנ'אויספלוג אין פּאַסט-אַמט און טעלעפאָנען-צענטראַלע. זבּיורקע 9.45 פריה אין לאָקאַל. איינשרייבונגען אין סעקרעטאַריאַט ביז'ן 25 ד. ח.

זונטאַג, דעם 27 ד. ח. אויטאָבוס-אויספלוג נאָך זלאָטי-פּאָטאָק. פּרייז 2.90 זל. די צאָהל אַנטיילנעמער איז בעגרעניצט. זבּיורקע אין לאָקאַל 6.15 פריה. איינשרייבונגען ביז'ן 26-טען ד. ח. פון האַלב 9 ביז האַלב 10 אָוונד.

———

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראָפּאַגאַנדע-וואָך פאַר לאַנדקענטשאַפט, וואס וועט זיך אָנהויבען דעם 1 יוני, וועט די זש. ט. ק. איינאָרדנען א גרויסע אַקאַדעמיע און א רייהע אימפּרעזעס, ווי פאָרלעזונגען, פילם-סעאַנסען און אויספלוגען. צווישען אַנדערע וועט פאָרקומען א פּראָפּאַגאַנדע אויספלוג אויף א גרעסערע טראַסע. פּרטים אין קורצען.

דער אַלגעמיין-יודישער וואַהל-קאָמיטעט פערטרעט אַלע שיכטען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

דער באָקס-מעטש...

דער שטח פון זאַוואַדזיע ביז טשענסטאָכובקע און פון די קולעס ביז אַסטאַטני-גראַש איז פערצוימט מיט דיקע שטריק — דאָ וועט פאָרקומען אַ רעפּרעזענטאַנץ-מעטש פון די בעסטע באָקסער, וועלכע אונזער שטאָדט פערמאָגט.

דער דאָזיגער שטח איז צוטיילט אויף 11 רינגען און אויף יעדען רינג בעזונדער וועלען קעמפען אַנדערע באָקסער, וועלענדיג אויסקעמפען מייסטערשאַפט.

דאס צושויער-פּובליקום שטראָמט פון אַלע זייטען, זייענדיג נייגעריג צו וויסען, ווער עס וועט זיעגען. ווי געוועהנליך שאַפען זיך שוין צדדים וועלכע האַלטען מיט דעם אָדער מיט'ן אַנדערן באָקסער, און איידער דער מעטש הויבט זיך אָן, קומען שוין פאַר געוועטטען צווישען עולם, ווער עס וועט געווינען. מען דיסקוטירט, מען אַמפּערט זיך, איינער וויל דעם צווייטען איבערצייגען וועגען די מעלות פון זיין פאַוואָריט און די חסרונות פון געגנער.

אין עטליכע רינגען קעמפען אויך אונזערע היימישע יודישע באָקסער, וועלכע זענען בעקאַנט אָדער אונבעקאַנט דעם יודישען עולם. אַזוי אָבער ווי די יודישע באָקסער פּעראינטערעסירען אונז אַממעהרסטען, זענען מיר געלאָפען אויף זייער מעטש.

ענדליך דערהערט זיך דאס באַסאָווע קול פון ספּיקער, וועלכער רעדט דורך דעם מעגאַפאָן און ער שטעלט פאַר די באָקסער פאַר'ן עולם.

אין ערשטען רינג וועלען קעמפען— שרייט ער אויס: אין האָהן-געוויכט ר' יעקב בענדעט גרויקאָפּ פון אַלגעמיינעם יודישען קאָמיטעט מיט פישעל לאַווניקאָווסקי פון ווירטשאַפטס-בלאָק; אין מיטעל-געוויכט: ר' שמואל מעטאַלאָוויעץ מיט ר' יאָסעל האַנדווערקער; אין פּאַפּיר-געוויכט: ר' איטשע מאיר קרעלניק מיט ר' משה פויסטמאַן.

— אין צווייטען רינג וועלען קעמפען — אין פליגען-געוויכט: ר' היפּעק פּראַשען-יאַ-פּאַנאַ מיט ר' דאָוויד באָרזשיק; אין דריטען רינג — אין פעדערן געוויכט: ר' שמואל ניעמיראָווער מיט ר' ירמיהו זוויג-קינד; אין 4-טען רינג — אין פּאַפּיר-געוויכט: אברהם יודענשטאַט מיט אַרקע'ן; אין 5-טען רינג — אין שווער-געוויכט: שלייכעראָווסקי שווער-אינדוסטריע מיט סענדזשאָווסקי'ן; אין 6-טען רינג — האַלב-מיטעל-געוויכט: ר' ווילהעלם ראַדנע מיט פרעדינעראָוויסקי'ן; אין 7-טען רינג — לייכט געוויכט: ר' יאַאַכימוס וועקסלערוס מיט ר' לאַזאַרוס ראָזענבוימוס; אין 10-טען רינג— האַלב-שווער-געוויכט: ר' מענדיל מיעטשיסלאָוו געשליפענע צונג מיט ר' משה מאוריצי שווערגעהער.

דער עולם ווערט אונגעדולדיג און טופּעט מיט די פּיס, אַז דער מעטש זאָל זיך שוין אָנהויבען. אונזערע באָקסער מאַכען אָבער לאַנגע הכנות, מעסטען זיך אָן פערשידענע קאָסטיומען, וואָרפען גורל ווער עס זאָל קעמפען דער ערשטער און ווער דער צווייטער, וועלכער אין ערשטען רינג און וועלכער אין צווייטען רינג און די אונטערהאַנדלונגען דויערען אַ זעהר לאַנגע צייט. דאָן וואַרפט מען גורל וועגען די הענדשקעס און דאס דויערט ווידער אַ לענגערע צייט. די נערווען זענען אַנגעשטרענגט, עס ווילט זיך שוין זעהען דאס האַקען אין די מאָרדעס.

ענדליך בעוויזען זיך אויפ'ן רינג די באָקסער און דער ריכטער, וועלכער צעהלט די צייט גיט א צייכען, אַז דאס שפּיעל הויבט זיך אָן. באַלד הערט מען זבענקעס, איינעם ווערט די נאָז געשוואָלען, דער צווייטער קריגט אַ זעץ אין מאַגען, עס הויבט זיך אָן גייסען ס'דם; דער עולם ווערט צוהיצט, יאָגט אונטער יעדען באָקסער, אַז ער זאָל דעם צווייטען שלאָגען, שלאָגען ביז חלשות, ער זאָל איהם מאַכען אַ „נאַקאַוט". דאס פּובליקום שרייט, פּיפדערט, ליאַרעמט, ביז טויב צו ווערען.

אַזוי שלאָגט מען זיך אין 8 רינגען, מען קלויבט נישט אין קיין מיטלען, מען קלאַפּט אין פּנים, איבער'ן קאָפּ, אין מאַגען און אַפּילו אין סאַמע האַרץ אַריין טרעפט מען אויך אַ זבענק. מען שלאָגט לויט'ן אַנגענומענעם רעגולאַמין און נישט לויט'ן רעגולאַמין. דער ריכטער קאָן צוליעב דעם צוהיצטען טומעל פון פּובליקום, וועלכע בעטייליגען זיך אין די קאַמפען נישט אורטיילען, צי אַלעס געהט „פּושעפּיסאָוואָ".

אַזוי האָבען די קאַמפען געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דערווייל זענען אויך פאָרגעקומען פריינדשאַפטס-מעטשען צווישען דודעק'ן מיט פּולעק'ן, צווישען אַ פּראָפעסאָר מיט אַ בעקער א. א.

אין דיזעלבע ריגגען האָבען אויך אין דערזעלבער צייט געקעמפט אַנדערע באָקסער אין פערשידענע וואָגען, אויך וועגען דער מייסטערשאַפט.

ענדליך שפּעט אין דער נאַכט האָט דער אויבער-ריכטער אַרויסגעטראָגען זיין דעציזיע וועגען די געוואונענע און פערשפּילטע קאַמפען, ווי פאָלגענד:

היות ווי די יודישע באָקסער האָבען געקעמפט פּעריביטערט, מיט טעמפּעראַמענט און האָבען זיך געגעבען נישט-דערלויבטע זבענקעס, האָבען אַלע יודען פ ע ר ש פ י ע ל ט, זיי קענען נישט אַריינגערעכענט ווערען צווישען די מייסטער און וועלען אונז נישט קאָנען רעפּרעזענטירען. דערפאַר אָבער האָבען צוגענומען אַלע מייסטערשאַפטען די נישט-יודישע באָקסער און נאָר זיי וועלען זיין די אמת'ע רעפּרעזענטאַנטען פון דער שטאָדט טשענסטאָכאָוו.

— — — —

מיט שוויס און אַנגסטען האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון דעם שרעקליכען חלום, נאָר אַריינטראַכטענדיג זיך אין דעם בעשייד פון חלום, האָב איך דאס געפיהלט, אַז ס'איז נישט קיין חלום, נאָר דער פּראַקטישער אמת און דער פּתרון קען ליידער מקוים ווערען דעם נאָהנטסטען זונטאג, ווען ס'וועט זיך אָבשפּילען דער גרויסער יודישער באָקס-מעטש...

סמאַל

Mydło Bebe Szofmana - איידעל פאַר קינדער און דערוואַקסענע

וואו דאַרף יעדער געהן וועהלען?

די לאָקאַלען פון די וויכטיגערע אָבוואָדאָווע קאָמיסיעס.

ווי בעוואוסט איז טשענסטאָכאָוו איינגעטיילט געוואָרען אין 11 וואַהל-קרייזען און 24 אָבוואָדען.

1-טער קרייז

איז איינגעטיילט אין 2 אָבוואָדען און וועהלט 4 ראַטמענער.

דער 1-טער אָבוואָוד נעמט אַרום די גאַסען: גאַרנצאַרסקא פון מיראָווסקא ביז מאָסטאָווא, געגשיא, יאַסעלעוויטשאַ, מיראָווסקא פון נ. מאַרק ביז דער בריק אויף דער וואַרטאַ, גאַדזשעטשנא פון מיראָווסקא ביז מאָסטאָווא, נ. מאַרק, וואַרשאווער פון גייעם מאַרק ביז מאָסטאָווא.

די וואַהלען אין דעם אָבוואָוד וועלען פאָרקומען אין לאָקאַל פון קליינהענדלער-פעראיין, יאַסעלעוויטשאַ 9.

דער שטח פון 2-טען אָבוואָוד: גאַרנצאַרסקא און נאַדרזשעטשנאַ פון מאָסטאָווא ביז וואַרשאווער מאַרק, קאַזיאַ, מאסטאווא, סענאַטאָרסקאַ, ספאַדעק, וואַרשאווער פון מאסטאווא ביז קרוטקא, וויאַזדאָווא.

די וואַהלען קומען פאָר אין לאָקאַל פון הכנסת-אורחים, גאַרנצאַרסקא 65.

2-טער קרייז

2 אָבוואָדען — 4 ראַטמענער.

ערשטער אָבוואָוד: יאסקראָווסקא, מלינארסקא, וואַרשאָווער מזרח-זייט (פאַריגע נומערן), וואַרשאווער מאַרק, וואַדנאַ, זשאַביאַ. די וואַהלען וועלען פאָרקומען אין דער פאָוושעכנע שולע, אין פאַרק אויף זאָוואַדזיע.

צווייטער אָבוואָוד: דזיעלנאַ, באָטשניטשאַ, גאַרנצאַרסקא (פון סטראַזשאַצקא ביז מיראַווסקא), קאָמיענגא, מיראָווסקא, נאַדרזשעטשנא (פון סטראַזשאַצקא ביז מיראַווסקא), אַלטער מאַרק, סטראַזשאַצקא, סרעבּרנא, ריבנא א. א. דער וואַהל-לאָקאַל איז אויף זאָוואַדזיע אין דער פאָווזשעכנע שולע, אין פאַרק נאַרוטאָוויטשא.

3-טער קרייז

2 אָבוואָדען — 4 מאַנדאַטען.

ערשטער אבוואוד: גראַניטשנא, נאַרוטאָוויטשא פון מיראָווסקא ביז פּרזשעכאַדניא, פּרזשעסמיק, טאַרגאָווא. די וואַהלען קומען פאָר אין דער פאָווזשעכנע שולע אויף נאַרוטאָוויטשא 16.

צווייטער אָבוואוד: באַביאַ, באָסטאַנאַ, בּראָטגיאַ, ביכטרא, דאַבּרא, טשיכטא, אָלשטינסקא ביז'ן יוד. בית עולם א. א. וואַהל-לאָקאַל אין דער פאָווזשעכנע שולע אויף אָלשטינסקאַ.

4-טער קרייז

2 אָבוואָדען — 4 מאַנדאַטען.

ערשטער אָבוואוד: אַל. קאָשטשושקי (פאַריגע נומערן), גאַריבאַלדי, יאַסנאָגורסקא פון קאָשטשושקי ביז דווערניצקי, קרוטקא, ווילסאָנאַ א. א. וואַהל-לאָקאַל אין דער פאָווזשעכנע שולע אויף קאָשטשושקי 10.

צווייטער אָבוואוד: אַניאָלאָווסקא, צמענטאַרנא, קאָוויאַ, קעדרזשינסקא, טאַרטאַקאָווא, וואַרשאווער פון קרוטקא ביז ענדע (נישט פאַריגע נומערן) א. א. וואַהל-לאָקאַל אין דער שולע אויף קעדרזשינסקא.

5-טער קרייז

3 אָבוואָדען — 5 ראַטמענער.

ערשטער אָבוואוד: דאַמבראָווסקי פון כלאָפּיצקי ביז ענדע, דעמבינסקי. וואַהל-לאָקאַל — דאַמבראַווסקי 47.

צווייטער אָבוואוד: כלאָפּיצקי פון אָקולנא, דאַמבראַווסקי פון יאַסנאַגורסקא, יאַסנאַגורסקא פון דאַמבראַווסקי ביז ענדע, קילינסקי פון כלאָפּיצקי, לובליניעצקא, אַלעע (צפון זייט, פאַריגע נומערן) פון פאַרק ביז דאַמבראָווסקי, ראַצלאַוויצקא, שוו. ראָך פון וויעלונסקי מאַרק ביז יאַדוויגי (צפון-זייט), טרויגוט, 3 מאַיא, וויעלונסקא (מזרח-זייט), וויעלונסקי מאַרק (צפון-זייט). וואַהל-לאָקאַל דאַמבראַווסקי 14.

דריטער אָבוואוד: אַל. קאָשטשושקי (מערב), דאַמבראַווסקי פון יאַסנאַגורסקא ביז כלאָפּיצקי, קילינסקי פון כלאָפּיצקי, יאַסנאַגורסקא פון קאָשטשושקי ביז דאַמבראַווסקי, אַלעע צפון-זייט פון מאַגיסטראַט-פּלאַץ ביז נ. מאַרק, סטאַשיצא א. א. וואַהל-לאָקאַל אין סיימיק, קילינסקי 3.

6-טער קרייז

2 אָבוואָדען — 5 מאַנדאַטען.

ערשטער אָבוואוד: שוו. ראָך פון וויעלונסקי מאַרק ביז יאַדוויגי (דרום-זייט), שוו. ראָך פון יאַדוויגי ביז ענדע א. א. וואַהל-לאָקאַל — שוו. ראָך 69.

צווייטער אָבוואוד: אנני, שוו. באַרבאַרי (מערב), קלאַשטאָרנא, קאַרדעצקי, אַלעע (דרום), נ. מאַרק (דרום), 7 הייזער, וויעלונסקא (מערב), וויעלונסקי מאַרק (דרום) א. א. וואַהל-לאָקאַל — מאַגיסטראַט, טעכנישע אָבטיילונג.

7-טער קרייז

2 אָבוואָדען — 4 ראַטמענער:

ערשטער אָבוואוד: טשיכאַ, פּאַבריטשנא, קאַטעדראַלנא, אגראַדאווא, פּיאָטראָווסקא, פּרזשעמיסלאָווא. וואַהל-לאָקאַל אין אולען-הויז, קאַטעדראַלנא 2.

צווייטער אָבוואוד: מאַלאַ, מאָקראַ, נאַרוטאָוויטשא פון פּרזשעכאַדגיא ביז'ן באַהן - פּרזשעיאַזד, פּרזשעכאָדניאַ א.א. וואַהל-לאָקאַל — מאַלאַ 23.

10-טער קרייז

2 אָבוואָדען — 5 ראַטמענער.

ערשטער אָבוואוד: פּאַשאַ, קאַפּערניקא, שלאַנסקא, וואַשינגטאָנאַ, סאָביעסקי א. א. וואַהל-לאָקאַל — פּולאַסקי 2 אין הויז א. נ. פון מאַרשאַל פּילסודסקי.

צווייטער אָבוואוד: אַל. וואָלנאָשטשי, שוו. באַרבארי מזרח, פּילסודסקי, ביעגאַנסקי א. א. וואַהל-לאָקאַל אַל. וואָלנאָשטשי 17 פּוילישע האַנדווערקער-שולע.

וועלכע קאַנדידאַטען-ליסטעס זענען גע'פּסל'ט געוואָרען?

פון די 119 קאַנדידאַטען-ליסטעס, וואָס זענען איינגעפּלאָסען אין דער הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע, זענען גע'פּסל'ט געוואָרען פאָלגענדע 13 ליסטעס:

עס זענען גע'פּסל'ט געוואָרען 4 ליסטעס פון דער ענדעקישער פּאַרטיי אין די קרייזען נר. 1, 4, 10 און 11, דאַן צוויי ליסטעס פון די כאַדעקעס אין די קרייזען 5 און 11, זעקס ליסטעס פון „אַרבייטס-פראָנט" אין די קרייזען 1, 2, 3, 7, 8 און 9 און צום סוף די ליסטע פון פּ.פּ.ס. אין 5 טען קרייז.

צוליב דעם פּסל'ענען די 4 ליסטעס פון די ענדעקעס פאַלען אַוועק אַזעלכע קאַנדידאַטורען ווי פון אַפּטייקער קאָזערסקי און פון אייגענטימער פון שיך-געשעפט אין דער 2-טער אַלעע, דזשוויגאַלסקי.

ווי מען שמועסט וועלען די ענדעקעס פּאַרט געהן צו די וואַהלען אין די קרייזען 1, 4, 10 און 11 טראַצדעם, וואָס זייערע ליסטעס זענען אין די דאָזיגע קרייזען גע'פּסל'ט געוואָרען, די ענדעקעס ווילען אויף אַזאַ אופן מאַכען א חשבון פון זייערע כוחות אין די דאָזיגע ראַיאָנען.

רינג - קייט לטובת „קרן - המושבה"

גאָוולובנא ענטפערט פוקסונא און רופט ארויס: באַריך, גערשאַנאָוויטש.

עזריאל יאַקובאָוויטש גיט 2 זל. און רופט ארויס: שלמה אַרבאַך, יצחק נוידעלמאַן, מאַניא קרויזע, אברהם לענטשער, בעריל ליבערמאַן, רחל קויפמאַן. דוד קאַנטאַר, רוזשקא דאַנציגער, מיכאל מאַיעראָוויטש, צבי קאַנטאַר.

ווילהעלם זשעריקער ענטפערט ה' ניעמיראָווסקי.

שיינובנא גיט 5 זל. און רופט ארויס: ראַזענובנא, אַלטמאַנובנא, ליפּינסקי, בוגייערובנא, גוטמאַן, קראַוזע, גייסלער, מ. פרידמאַן

10

ווילסטו זיך ענטגעגענשטעלען דעם ענדעקישען כוליגאַניזם, שטים אויף דער יודישער אחדות-ליסטע, אויף דער ליסטע פון

אַלגעמיין - יודישען וואַהל - קאָמיטעט

Pensjonat „Leśniczówka"

w Ostrowach, st. Blachownia

איז שוין אָפען.

זוניגע צימערן מיט וועראַנדעס. עלעקטריש בעלייכטונג. מעסיגע פּרייזען. אויף פּערלאַנג מינעראַל, גאַז און זונען-בעדער. ערשטקלאַסיגע קיך.

טעלעפאָן: טשענסטאָכאָוו 16-10

די כשר'ע קיך ווערט געפיהרט אין א בעזונדער לאָקאַל אונטער דער אויפזיכט פון מיין מוטער דאָרא רייכער.

בעמערקונג: קינדער פון 8 יאהר ווערען אָנגענומען אונטער אויפזיכט פון א פרעבעל-לעהרערין.

Szkoła Rzemieśln.-Przemysłowa dla Żydów w Częstochowie

podaje do wiadomości, iż zapisy dla nowo-wstępujących uczniów rozpoczęły się z dniem 15-go maja b. r.

פּערקויף!

פערשידענע קאַמגאַרנס און קאָרטענס

אויף אַנציגנער, פּאַלטענס פאַר מענער און דאַמען ווי אויך רעשטען און ראַמש צו זעהר ביליגע פּרייזען ביי

י. יעבץ טשענסטאָכאָוו, אַגראַדאָוואַ № 10

פראָנט, 1-טער שטאָק.

ברילען, בינאָקלען

אין א גרויסען אויסוואַהל נייעסטע פאַסאָנען, אויסגעפיהרט גענוי לויט די פאַרשריפטען פון אָקוליסטען. איך טויש אויס ברילען, אַרויסגעגעבענע דורך דער קראַנקען-קאַסע. אַלעראַרט רעפּעראַציעס ווערען פּאַכמעניש אויסגעפיהרט. ברילען און ניקעל-אומפּאַסונג פון 2 זל. און אומפּאַסונג פון מאַסע פון 4 זל.

פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען

און מכשירים, נייעסטע קאָנסטרוקציעס פון פערשידענע פירמעס אין א גרויסען אויסוואַהל אויף בעקוועהמע בעדינגונגען. ספּעציעלע אָבטיילונג פון אויספיהרען אַמאַטאָרסקע ארבייט אין זעלבען טאָג. — סאָלידע ארבייט. — קאָנקורענץ-פּרייזען.

OPTYK MEDICAL — Z. Erner, Aleja 31

PROSZKI
«KOWALSKINA»
STOSUJE SIĘ PRZY UPORCZYWYCH
BÓLACH GŁOWY
KONIECZNIE ZE ZNAKIEM „SERCE W PIERŚCIENIU"
A.K.
FABRYKA CHEM.-FARMAC. Ap.KOWALSKI, WARSZAWA

URODONAL

Zwalcza reumatyzm podagre piasek skleroze

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstaw cielstwo **Warszawa, Fredry 4.**

„ATLANTIC"

אַגראַדאָווא 14.

היינט און ווייטער

דער גרויסער וועלט-פילם

W CIENIU KRZYŻA

Kino „LUNA"

היינט אויסערגעוועהנליכע, גרויסע פּרעמיערע!

Nieznajoma z telefonu

פּיקאַנטער, פרעליכער, הומאָרפולער פילם מיט סאַללי עילערס און דזשעימס דונן

איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג - צוגאָבען.

מיטאָג-סעאַנס

BOKSER i DAMA.

Kino „EDEN"

פון שבת און ווייטער

דער אינטערעסאַנטער פאָקס-פילם, געשטיצט אויף אויטענטישע פּאַסירונגען

Bunt w Szanghaju

שילדערט די געשעהענישען אויפ'ן ווייטען מזרח. חוץ דעם

KRÓL ARENY.

שבת און זונטאָג מיטאָג דאָפּעל פּראָגראַם

Kobieta Orchidea i 12 krzeseł

10

פּערטרייבט פון שטאָדט-ראַט די, וועלכע האָבען אייך פערקויפט צום „אולען" און צו דער עלעקטראָווניע

און שטים פאַר די קאַנדידאַטען פון דער ליסטע נר.

KRYNICA
Dr. med. Berkman
האָט זיך איבערגעצויגען פון ווילע Tatarska אין ווילע ROYAL פריהער (קאַראָלובקא)
אָרדינירט, ווי געוועהנליך, א גאַנץ יאהר.

Odciski

ZGRUBIAŁĄ SKÓRĘ i BRODAWKI USUWA BEZ BÓLU i BEZPOWROTNIE

KLAWIOL

„AP. KOWALSKI" WARSZAWA

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. K.Kosteckiego

w lokalu własnym **Waszyngtona 6**, przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w.
Opłata za lekcje przystępna

שבת דעם 26 מאי ד. י. 8 אָוונד פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישע געזעלשאַפט.
לעצטע מאָדע - שלאַגערס. ביליגע פּרייזען.

די העלט-בארימטעסטע דאָקטוירים האָבען פעסטגעשטעלט, אז 75% קראַנקהייטען אנטשטייען צוליב אבסטרוקציע.
א קראַנקער מאָגן איז די וויכטיגסטע סיבה פון אנטשטיין פון קראַנקהייטען, — פאַראומרייניקט דאָס בלוט און שאַפט א שלעכטע שטאָף-וועקסלונג.

ZIOŁA Z GÓR HARCU
D-ra LAUERA

זיי עס האָבען פעסטגעשטעלט די גרעסטע דאָקטוירים, זענען אן אידעאַל מיטל פאַר גענוגט מאַכען דעם מאָגן, באַזייטיקן אבסטרוקציע. זענען א לייכט רייניקונג-מיטל. פאַרלייכטערן די אויפנאַבע פון די פאַרדיי-אונג-אָרגאַנען, פאַרשטאַרקן דעם אָרגאַניזם און וועקן דעם אַפּעטיט.

ZIOŁA Z GÓR HARCU D-ra LAUERA באַזייטיקן די ליידן פון לעבער, נירן, גאַלשטיינער, העמאָרידן-ליידן, רעומאַטיזם, און אַרטעריאָ-סקלעראָזיס.

די פּרייז פון א שאַכטעל 1.50 זל.
א דאָפּעל-שאַכטעל 2.50 זל.
צו באַקומען אין אַפּטייקן און אַפּטייק-סקלאַדן.

Pot i niemiłą jego woń USUWA PŁYN SUDOR

„AP. KOWALSKI" WARSZAWA